גליון
# באור החיים

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פרשת שלח - כ"ח סיון - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ד

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **שמואל מאיר קרדיס** הי"ו
לרגל שמחת **נישואי בתו** למזל טוב
ולכבוד **שבת הילולא** קדישא של זקינו רבינו השרף מרן **משולם פייש** בן רבי **מרדכי** סג"ל **וזעלדא** זיעועכי"א
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **איתמר טייטלבוים** שליט"א (מאנסי)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן שרגא פייוול מנחם נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### משה רבינו המשיך ליהושע אור גדול להינצל מעצת המרגלים

**ויקרא משה להושע בן נון יהושע.**

פירוש בתרגום יונתן כד חמא משה ענותנותיה קרא שמו יהושע.

פירש בספרים הק', דמשה רבינו ראה ביהושע שיש לו מדת הענוה, והוא עניו גדול, אבל עכשיו כדי להתגבר על המרגלים ולא לילך אחר עצותיהם צריך להשתמש במדת הגבורה, לכן התפלל להשי"ת לקרב שתי הפכיים זה לזה, ופעל בתפלה להמשיך על יהושע אור גדול באור הכתר, דהאות יו"ד שהוסיף לשמו, הוא משם הוי"ה, דה'יו"ד משם הוי"ה הוא חכמה והקוצו של יו"ד הוא כתר, ושתי דברים הזאת הם אחה, ובזה מאיר עליו ספירת הכתר ובזה היה יכול לאחוז השתי מדות ביחד.

וזה היה כח של יהושע כל ימיו, דכל זמן שהוא נהג כלל ישראל היה זמנים טובים לישראל, כדכתיב (יהושע כד לא) 'ויעבוד ישראל את ה' כל ימי יהושע', וזהו הכח שקיבל יהושע ממשה רבינו על ידי שהתפלל עליו שהמשיך עליו אור גדול מספירת הכתר, וזה היה מאיר על בני ישראל כל ימיו שלא ליפול ממדריגתם הגדול.

(שפ"ק לך לך)

### עיקר עבודה לישראל הוא להאמין בהשגחת השם

**אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם וגו' אני ה' אלקיכם.**

דקדוק הרה"ק מ'בארדיטשוב זי"ע בספרו קדושת לוי, דלמה כפל הכתוב ואמר ב' פעמים אני ה' אלקיכם, וכתב על זה בזה"ל: 'הכלל כי אדם צריך תמיד להעלות על מחשבתו שכל דיבוריו ומחשבותיו ותנועותיו עושים רושם למעלה וכו', כי השם יתברך יודע מחשבות בני אדם ומשגיח תמיד בהשגחה פרטית על כל דרכי בני אדם, וזהו עיקר עבודת האדם, שאדם יעלה במחשבתו שהשי"ת משגיח עליו על דרכיו, וזהו אני ה' אלוקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, ותעלה על מחשבתך אני ה' אלקיכם, אני משגיח תמיד על כל דרכיך'. עכלה"ק.

ופירש הדברים, כי לכך כופל הכתוב אני ה' אלקיכם, ללמד כי אחר שתאמין בה', ותבין כי אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, מה עליך לעשות, תזכור תמיד כי 'אני ה' אלקיך' המשגיח עליך ועל כל תנועותיך, שזהו כל עבודתו של אדם בעולם לזכור כי ה' עומד עליו ורואה את מעשיו.

(פתג"ק וירא)

פרנס פעולות האיחוד
לחודש סיון
נתנדב על ידי נגידים החשובים תומכי תורה וחסידות ראשונים לכל דבר שבקדושה למען קהילתינו ומוסדותינו הקדושים
דידינו היקרים **משפחת מערמעלשטיין** החשובה והנכבדה
לעילוי ולטובת נשמות הוריהם
אביו/זקינם הרה"ח ר' **חיים נחום** בן ר' **יהודה** ז"ל - חותנו/זקינם הרה"ח ר' **צבי ארי'** בן ר' **ישראל** ז"ל
תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"י

**הבא להרגך, דער יצה"ר קומט דיר פארווארפן, השכם להרגו, שטיי אויף פארטאגס וועסטו אים קענען בייקומען.**

(רבינו שליט"א מוצש"ק בהעלותך תשפ"ו)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יוסף אשר געלב** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן יצחק נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דער גוף דארף זיין בטל צו דער רצון הנשמה

**וידבר ה' אל משה לאמר שלח לך אנשים ויתורו את ארץ כנען.**

אין ספה"ק אך פרי תבואה פון הרה"ק מליסקא זי"ע, איז ער מפרש די פסוק אויף דעם וועג, אז אנשים ווייזט אויף די נשמות, און דאס מיינט די פסוק, 'שלח לך אנשים', דער אייבערשטער שיקט אראפ די נשמות אויף די וועלט צו די גופים חומריות, כדי עס זאל זיין 'ויתורו את ארץ כנען', כנען איז א לשון פון הכנעה, דאס מיינט צו זאגן אז זיי זאלן זיך אויסלערנען דא די מדת הכנעה וענוה, ווייל די טבע הגוף איז להשתרר ולהתגאות, אזוי ווי חז"ל זאגן, 'ארבעה מיני גאים בעולם אדם מתגאה על כולם', און דער אייבערשטער שיקט אראפ די נשמה צו דער גוף, כדי אז דער מענטש דורך זיין עבודה זאל ער צוברעכן די כח הגאוה פונעם גוף, און ער זאל אים געווינען צו זיין נכנע און בטל צום רצון הנשמה.

דאס איז פשט און די ווערטער 'ויתורו את ארץ כנען', אז דער גוף וואס ווערט אנגערופן בשם 'ארץ' זאל צוקומען צו 'כנען' צו הכנעה וענוה, 'אשר אני נותן לבני ישראל', פאר דעם כוונה האב איך געגעבן די גוף פארן מענטש, כדי ער זאל אים מכניע זיין פארן רצון הנשמה.

און דאס איז די כוונה און די תכלית פון אלע ברואים, אז זיי זאלן זיך מכניע זיין און מבטל זיין פאר די רצון הבורא, אזוי ווי עס שטייט 'וצבא השמים לך משתחווים', און ווי מער א מענטש איז מכניע דעם גוף פארן אייבערשטן, איז ער מער מקרב די תיקון השלם, וואס דעמאלטס וועט מקוים ווערן דער תכלית בשלימות, אזוי ווי אונז זאגן מיר, לפניך ה' אלוקינו יכרעו ויפולו ולכבוד שמך יקר יתנו, ויקבלו כולם את עול מלכותך, במהרה בימינו אמן.

(עבו"ע פתג"ק)

## אז מען וועט גיין אין די וועגן פונעם עלטער זיידן וועלן מיר פועל'ן אלעס גוטס

און אין דעם זכות וואס אונז וועל מיר גיין בדרכיו (רבינו השרף זי"ע בעל ההילולא) צו לערנען בהתמדה און כמובן צו לערנען אויף די אופן וואס ער האט געלערנט מיט יראת שמים, - אזוי ווי מען האט אויסגעקריצט אויף זיין מצבה, 'זכות תורתו אשר למד בעלצה יעמוד לנו לטובה', און אזוי ווי איך האב געזעהן ביי זיין זוהן דער הייליגער סב"ק זי"ע, אז זיין גאנצע לערנען איז געווען באימה וביראה, ביז זיינע אלע אברים האבן זיך געוואורפן בשעת'ן לערנען, ווייל די עיקר תכלית פונעם לערנען איז צוצוקומען צו יראת שמים, - בזכות זה וועלן מיר פועל'ן אין זיין יומא דהילולא, ביי אונז דא, און סיי די וואס זענען זיך משתטח אויפן ציון הקדוש, אלע וועלן פועל'ן ישועות און רפואות, און די זכות פונעם צדיק זאל אונז באלייכטן, אז עס זאל מקוים ווערן דער פסוק זרח בחושך אור לישרים, ואך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי, ושבתי בבית ה' לאורך ימים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

(עבו"ע שיח"ק ח"א בפרשתן)



המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **משה יודא סג"ל ראטמאן** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### שלח לך אנשים.

זאגט רש"י הק' לדעתך, אם תרצה שלח.

לכאורה איז שווער א קשיא, אויב איז א גוטע זאך אז מען שיקט מרגלים, פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געהייסן שיקן, און אויב עס איז נישט קיין גוטע זאך, פארוואס טאקע האט דער אויבערשטער אים נישט צוריק געהאלטן פון שיקן?

נאר מען קען ענטפערן, עס שטייט מאתו לא תצא הרעות, דער אייבישטער טוט נישט קיין שלעכטס, און אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער וועט נישט אריין גיין אין ארץ ישראל,

קומט אויס, אויב וואלט מען נישט געשיקט מרגלים וואלטן די אידן גלייך אריין אין ארץ ישראל, דאס איז א טובה פאר די אידן, אבער א שלעכטס פאר משה רבינו ווייל ער וואלט נפטר געווארן פריער.

און אויב וועט מען יא שיקן מרגלים וועלן די אידן נישט אריין אין ארץ ישראל ביז פערציג יאר דאס איז א טובה פאר משה רבינו אז ער וועט נישט תיכף נפטר ווערן, אבער עס איז א שלעכטע זאך פאר די אידן, ווייל זיי וועלן דארפן זיין אין מדבר פערציג יאר, קומט אויס אז וויאזוי מען וועט טוען וועט פאר איינעם נישט זיין גוט.

דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו 'שלח לך' קענסט שיקן מרגלים דאס וועט זיין א טובה נאר פאר דיר, אבער דורך דעם וועט ארויס קומען א שלעכטע זאך פאר די אידן, ממילא קען איך דיר נישט הייסן שיקן, דעריבער 'שלך לך לדעתך'.

(פנינים יקרים)

### ויקרא משה להושע בן נון יהושע.

זאגט דער תרגום יונתן, אז ווען משה רבינו האט געזעהן אז יהושע איז א עניו, ער האלט זיך קליין, האט ער אים אנגערופן יהושע.

לכאורה וואס פאר א שייכות האט דער נאמען יהושע מיט זיך קליין האלטן.

נאר מען קען דאס פארענטפערן אזוי: עס שטייט אין מדרש, ווען עס וועט קומען די צייט פון תחיית המתים במהרה בימינו וועלן די מתים אויפשטיין לויט די א' ב', ד. מ. אז די מענטשן וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיטן אות א' וועלן אויפשטיין צו תחיית המתים בעפאר די מענטשן וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיטן אות ב'. אויסער די מענטשן וואס האבן זיך געהאלטן קליין, זיי וועלן אויפשטיין בעפאר יעדעם איינעם נישט לויט די רייע.

לויט דעם קען מען מסביר זיין דעם תרגום יונתן, אז ווען משה רבינו האט געוואלט רופן הוש"ע מיט'ן נאמען יהוש"ע האט ער געטראכט אז יהושע וועט האבן טענות צו אים, ווייל דורך דעם וועט זיין נאמען זיך אנהייבן מיטן אות יו"ד אנשטאט דעם אות ה' וועט ער דאך אויפשטיין צו תחיית המתים שפעטער, אבער ווען משה רבינו האט געזעהן אז ער איז א עניו וועט ער דאך ממילא אויפשטיין בעפאר יעדעם איינעם, קען מען אים שוין אנרופן מיט'ן נאמען יהוש"ע.

(עבודת ישראל)

### והערים בצורות גדולות מאוד.

זאגט רש"י ותרגומו, כרכין - לשון בירניות עגולות. אז די מרגלים האבן דערציילט פאר די אידן, אז אין ארץ ישראל געפינען זיך גרויסע רונדיגע פאלאצן. זייער כוונה דערמיט איז געווען, לויט ווי רש"י ברענגט אין פר' מצורע, פון חז"ל, אז די אמוריים האבן באהאלטן זייער פארמעגן אין די וואנט אויס מורא אז די אידן וועלן הנאה האבן דערפון ווען זיי וועלן אריינקומען. צוליב דעם האט טאקע דער אייבישטער געשיקט די נגעי בתים, ווייל אזוי איז אנטדעקט געווארן די אוצרות, און די אידן זענען נתעשר געווארן דערפון.

די הלכה איז (נגעים פל"ב מ"א), אז אין רונדיגע הייזער איז נישטא דער דין פון נגעי בתים, דאס האבן די מרגלים געמיינט מרמז צו זיין פאר די אידן, אויב מיינט עטס אז מ'וועט נאך סוף כל סוף הנאה האבן פון זייער פארמעגן וואס ליגט באהאלטן אין די ווענט, ניין, ווייל 'והערים בצורות', דארטן זענען דא רונדיגע פאלאצן וואס ס'איז נישטא די הלכה פון נגעי בתים, דעריבער לוינט זיך נישט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, ווייל מען וועט קיינמאל נישט קענען באקומען זייערע פארמעגן.

(הגאון ר' שלמה קלוגער ז"ל)

### ויאמר ה' סלחתי כדבריך.

זאגט רש"י הק' כדבריך, בשביל מה שאמרת פן יאמרו כו'. לכאורה איז שווער וואס וויל רש"י זאגן דערמיט.

נאר מען קען זאגן די כוונה איז, ווייל די טענה פון משה רבינו איז געווען אז עס וועט זיין א חילול השם אז מען וועט זאגן אז כביכול קען זיי נישט אריינטראגן אין ארץ ישראל ח"ו.

לכאורה איז שווער דער אייבישטער קען דאך פונקט אזוי מאכן אז מען זאל נישט טראכטן אזוי.

קען זיין פשט, אז א צדיק'ס ווערטער מאכט א רושם אין הימל אזוי ווי עס שטייט (איוב כב, כח) 'ותגזור אומר ויקם לך', ממילא אז משה רבינו האט געזאגט עס וועט זיין א חילול השם וועט זיכער זיין.

דאס איז פשט אין רש"י, ווייל משה רבינו האט געזאגט אז עס וועט זיין א חילול השם, ממילא וועט מען מוחל זיין, אבער ווען משה רבינו וואלט ווען נישט אזוי געזאגט, וואלט דער באשעפער כביכול געמאכט אז עס זאל נישט זיין א חילול השם.

(קדושת לוי)

## א מעשה אויף די פרשה

### שלח לך אנשים ויתורו.

דער בריסקער גאון זי"ע האט אמאל געשיקט עטליכע משולחים צו גיין צוזאמקלויבן נדבות לטובת זיין ישיבה. די משולחים האבן זיך געלאזט וואויל גיין אויף דעם חשבון און זיך געדינגען א רייכן וואגן, און איינגעשטאנען אונטערוועגענס אין גרויסע רייכע האטעלן, אזוי ארום אז ווען זיי זענען צוריקגעקומען, איז אויסגעקומען אז דאס גאנצע געלט וואס זיי האבן צוזאמגענומען איז געגאנגען פאר זייערע אויסגאבן.

ווען דער גאון האט דאס געזען האט ער געזאגט בדרך צחות, יעצט פארשטיי איך שוין דעם פסוק שלח לך אנשים 'ויתורו', שיק אזעלכע מענטשן וואס עס זאל ביי זיי איבערבלייבן אויך...

*

### ורב חסד.

דער אפטער רב זי"ע האט דערציילט, אז ער איז אמאל איינגעשטאנען אין א אכסניא וואו דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אויך איינגעשטאנען, שטייענדיג אונטער'ן טיר האט ער געהערט ווי דער צדיק רעדט צו זיך אליין: 'מיילעך מיילעך, דו ביזט נישט ווערד אויף גארנישט.' און דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע

המשך בע' ה

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משה סטרולאוויטש** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן אהרן יודא ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## זהירות ביי עסענווארג

### אוכלים ומשקין שתחת המטה (ג)

### ט
### שאלה: איז דא א חילוק צי מען האט געלייגט מאכלים אונטער א בעט בשעת מען שלאפט אויפן בעט, אדער איז די קפידא אפילו ווען קיינער שלאפט נישט אויף די בעט?

**תשובה:** עס זענען דא וואס שרייבן אז לויטן טעם פונעם תורת חיים אז די קפידא איז, וויל בשעתן שלאפן גייט ארויף אויפן מענטש א זעכציגסטל פון די מיתה, און דאס גייט ארויף אויף די מאכלים, פון דעם איז משמע אז די קפידא איז נאר בשעת מען שלאפט, אבער אויב מען שלאפט נישט איז נישט דא די טומאה אונטערן בעט, ממילא איז נישטא דע קפידא (דרכ"ת שם, טעמי המנהגים דף תק"ו, וכ"כ באוצרות ירושלים כרך א' דף קכ"ב והביא ראי' מברכות דף ו' ע"א).

און עס זענען דא וואס האלטן, אז פון די לשון הגמרא און פון שלחן ערוך וואס שטייט "אוכלין ומשקין שתחת המטה", און די גמרא מאכט נישט קיין חילוק צי מען שלאפט דערויף צי נישט איז משמע אז די קפידא איז אפילו מען שלאפט נישט דערויף, (דרכ"ת סימן קט"ז אות ל"ח בשם אור יצחק, פרי השדה שם).

### הלכה למעשה

די פוסקים נעמען אן להלכה, אז לכתחלה זאל מען נישט לייגן קיין מאכלים ומשקאות אונטער א בעט אפילו בשעת מען שלאפט דערויף, אבער בדיעבד אויב מען האט אונטער געלייגט בשעת קיינער איז נישט געשלאפן דערויף קען מען מקיל זיין.

### י
### שאלה: איז דא א חילוק צו מען לייגט מאכלים ומשקאות אונטערן בעט, בייטאג אדער ביינאכט?

**תשובה:** פון פשטות לשון הגמרא אין שלחן ערוך, איז משמע אז די קפידא איז סיי בייטאג און סיי בייננאכט, וויבאלד זיי מאכן נישט א חילוק, (עצי העולה סעי' יו"ד, ושו"ת מהרש"ם בהסכמתו לספר כלם אהובים).

עס זענען וואס האלטן אז בייטאג איז נישט שייך די קפידא, וויבאלד די הלכה איז אז ווען מען שלאפט בייטאג דארף מען זיך נישט וואשן נעגל וואסער, ווייל נאר בייננאכט גייט ארויף א רוח רעה אויפן מענטש, ממילא איז נישט שייך בייטאג די רוח רעה אויך אונטערן בעט (תשובת בעל תורת יקותיאל, הובא באוצרות ירושלים כרך א' דף פ"ג).

### הלכה למעשה

לכתחלה זאל מען נישט לייגן אונטער א בעט אפילו בייטאג, און כאטש מען דארף נישט וואשן נעגל וואסער בייטאג ווייל עס גייט נישט ארויף א רוח רעה בייטאג, איז נישט קיין ראיה אז די רוח רעה וואס געפונט זיך אונטער די בעט, איז די זעלבע רוח רעה, וואס גייט ארויף אויפן מענטש בשעתן שלאפן.

אבער בדיעבד אויב מען האט בטעות אונטער געלייגט קען מען זיך פארלאזן אויף די מקילים, און כל שכן אויב קיינער איז נישט געשלאפן אויפן בעט בשעת מאכלים זענען געלעגן אונטער בעט.

### יא
### שאלה: איז די קפידא שייך אויך ביי א בעט פון א קליין קינד?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים צי די קפידא פון נישט לייגן מאכלים ומשקאות אונטער א בעט איז שייך אויך ביי א בעט פון א קטן, טייל פוסקים האלטן אז ביי קליינע קינדער אונטער די בר מצוה, און כל שכן ווען זיי זענען נאך נישט מחויב בחינוך, איז בכלל נישט שייך די קפידא, וויבאלד זיי זענען נאך נישט מחויב במצות, דעריבער האט נישט די רוח רעה א שליטה אויף זיי.

און טייל פוסקים האלטן, אז אזוי ווי מען דארף מקפיד זיין צו וואשן נעגל וואסער פאר קליינע קינדער, ווייל עס גייט ארויף א רוח רע אויף זייער הענט ביים שלאפן, דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן נישט צו לייגן קיין מאכלים וואס זענען געלעגן אונטער זייער בעט.

דעריבער נעמען אן די פוסקים אז לכתחלה זאל מען מחמיר זיין און נישט לייגן קיין מאכלים ומשקאות אפילו אונטער א בעט פון א קינד, און בדיעבד קען מען מקיל זיין (עיין בשו"ת לבושי מרדכי תנינא יו"ד סי' י"ט אות ג', ובשו"ת מנחת יצחק ח"ד סי' קי"ז, צירף עוד צדדי התירא ולא סמך ע"ז לחוד).

### יב
### שאלה: מעג מען לייגן מאכלים ומשקאות אין בעט, למשל צווישן די דאכענע און די בעט, אדער אונטערן קושן, אדער האלטן אין טאש א מאכל בשעת'ן שלאפן?

**תשובה:** די פוסקים שרייבן אז וויבאלד די גמרא זאגט: אוכלין ומשקין "שתחת המטה", זעט מען אז די קפידא איז נאר אז מען זאל נישט לייגן מאכלים ומשקאות אונטער א בעט, אבער אויפן בעט איז נישטא די קפידא, און דעריבער זענען דא מענטשן וואס בעטן איין פאר שבת די זופ אין בעט, כדי עס זאל זיך האלטן הייס (דרכ"ת ס"ק ל"ז, המהרש"ם בהסכמתו לספר כלם אהובים).

דאס זעלבע האט געענטפערט דער ירושלים'ער רב הרה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל אויף די שאלה וואס מען האט אים געפרעגט אז איינער איז געשלאפן אין בעט, און ער האט געהאט אין זיין טאש א מאכל, צי מען מעג דאס

עסן, האט ער געענטפערט דאס זעלבע, אז אין די גמרא שטייט "תחת המטה", און נישט "במטה", (שו"ת שלמת חיים ח"ב סי' ז').

## יג

## שאלה: א מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, איז דא א עצה אז מען זאל עס מעגן עסן לויט אלע פוסקים?

**תשובה:** עס ווערט דערציילט, אז ווען דער הייליגער רוזש'ינער זי"ע האט חתונה געמאכט איינעם פון זיינע קינדער, האט מען בטעות געלייגט אונטער א בעט א קאסטן מיט לעקער, און מען האט געפרעגט דעם הייליגן קאמינקער זי"ע, צי מען קען נוצן די לעקער, האט ער געפסק'נט אז מען זאל טובל'ן די גאנצע קאסטן צוזאמען מיט די לעקער (שו"ת הד"ר סימן כ"ט אות שכ"ב, סידור כתר נהורא במאיר נתיב סוף פרק ט"ז).

און אזוי ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי משה אריה פריינד זצ"ל, גאב"ד ירושלים תובב"א זצ"ל, האט גע'פסק'נט אז א מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, זאל מען דאס טובלען אין א מקוה, און אויב די מאכל איז געלעגן אין א זעקל, זאל מען טובלען די מאכל צוזאמען מיט די זעקל (מרא דשמעתתא אות ת"ג).

עס זענען דא וואס האלטן אז אויב די מאכל איז נישט געלעגן אין א בעג, און מען קען עס נישט טובלען אזוי ווי עס איז, למשל א ברויט, מזונות א.ד.ג., זאל מען עס אריין לייגן אין א פלעסטיק זעקל, און אזוי טובלען.

### אפוואשן דריי מאל

עס ווערט געברענגט נאך א עצה אז מען זאל אפוואשן די מאכל דריי מאל מיט א טעפל וואסער, און אזוי ווערט געברענגט אז מען האט געפרעגט פון הרה"ק מהר"ם שיק זצ"ל, וואס זאל מען מאכן מיט מאכלים וואס זענען געלעגן אונטער א בעט, האט ער גע'פסק'נט אז מען זאל דאס אפוואשן דריי מאל מיט א טעפל וואסער (דרכי משה החדש תשע"ב עמוד רס"ד).

### געבן פאר בני תורה

פון חזון איש זצ"ל ווערט געברענגט, אז ער האט געזאגט אז מען קען געבן די מאכל וואס איז געלעגן אונטער א בעט, פאר ארימעלייט, אדער פאר בני תורה, און מען זאל זיי נישט זאגן אז דאס איז געלעגן אונטער א בעט.

## יד

## שאלה: עס מאכט זיך אז די נעגל וואסער ווערט אונטער געשטיפט אונטערן בעט, מעג מען זיך וואשן די הענט מיט די וואסער?

**תשובה:** לויט די מחמירים אז אפילו בדיעבד טאר מען נישט טרינקען וואסער וואס איז געלעגן אונטער א בעט, איז מסתבר אז מען טאר נישט וואשן דערמיט נעגל וואסער.

די שאלה איז לויט די שיטת המקילים וואס האלטן אז בדיעבד ווערט דאס נישט אסור, און מען מעג דאס טרינקען, קען אבער זיין אז זיי זענען מודה אז די וואסער איז נישט בכח אראפ צו נעמען די רוח רע וואס גייט ארויף אויף די הענט ביים שלאפן, (עובר אורח הנספח בסוף ספר ארחות חיים ח"ב).

### הלכה למעשה

לכתחלה דארף מען אכטונג געבן אז מען זאל נישט לייגן די נעגל וואסער אונטערן בעט, און בדיעבד אויב מען האט בטעות געלייגט אונטערן בעט, און מען האט נישט אנדערע וואסער דארט לעבן בעט, און מען האט נישט ווער עס זאל ברענגען אנדערע וואסער, זאל מען זיך וואשן געהעריג מיט די וואסער דריי מאל, און נאכדעם זאל מען זיך נאכאמאל איבער וואשן נעגל וואסער מיט אנדערע וואסער ביי די ערשטע גלעגנהייט (ספר לקוטי מנהגים לקוטי שם, עניני נט"י שחרית ס"א, פסקי תשובה סי' א' בהערה שם).

### המשך יבוא אי"ה

המשך מע' ג

האט אזוי אויסגערעכנט אלע זיינע עבירות וואס ער האט (נישט) געטון, און איז געבליבן מיט'ן סך הכל אז ער וועט נישט זוכה זיין צו עולם הבא, צום שלום האט ער אויסגעפירט, 'השי"ת איז דאך א גרויסער בעל חסד, ווי חז"ל זאגן, אז ער איז מלבוש ערומים, מבקר חולים, מנחם אבלים, אבער דאס איז אלעס גוט אויף די וועלט, אבער אויף יענע וועלט איז דאך נישטא די אלע גשמיות'דיגע זאכן, דאן ווי אזוי איז השי"ת מקיים מצות צדקה אויף יענע וועלט, אז דער אויבערשטער וועט שענקן פאר מיילעכ'ן אביסל עולם הבא, וועט ער דערמיט מקיים זיין מצות צדקה'...

*

## ויאמר ה' סלחתי.

דער הייליגער יהודי הקדוש זי"ע האט אמאל געזאגט, ווען איך בין געווען א קינד און איך האב געלערנט א' ב' ביי א מלמד, האב איך זיך געלערנט א גרויסן כלל, אז אויב צוויי אידן זיצן צוזאמען און טרינקען א גלעזעלע משקה, און יעדער איינער איז זיך מבטל פארן צווייטן, און האלט זיך נישט גרעסער פון יענעם, דאן איז דער אויבערשטער מוחל פאר זיי זייערע עבירות, ווייל ווען איך האב געפרעגט מיין מלמד וואס איז דאס א פינטעלע האט ער מיר געענטפערט: 'א יו"ד'. האב איך אים געפרעגט און וואס איז דאס צוויי פינטעלעך? האט ער מיר געענטפערט 'צוויי יודי"ן זענען דער הייליגער שם, דער נאמען פונעם אויבערשטן'.

שפעטער ווען איך האב געזען צוויי פינטעלעך איינס העכער דעם אנדערן, האב איך אויך געמיינט אז דאס איז א 'שם', האט מיר דער מלמד געזאגט דעם כלל, 'ווען די צוויי יודי"ן זענען גלייך, קיינער איז נישט העכער פונעם צווייטן, איז עס א ש"ם, אבער טאמער זענען די יודי"ן איינס העכער דעם צווייטן, איז דאס נישט קיין שם'.

פון דעם האב איך מיר געלערנט, אז אויב צוויי אידן זיצן צוזאמען, און קיינער האלט זיך נישט העכער פונעם צווייטן, דאן זענען זיי אין א בחינה פון א שם. און 'כוס' איז די ראשי תיבות פון 'ויאמר סלחתי כדברך', פעלט נאך דערפון דעם שם הוי"ה, און די צוויי אידן וועלכע טרינקען צוזאמען אויף דעם וועג, נישט האלטנדיג זיך גרעסער איינער פון צווייטן, זענען זיי משלים דעם שם, און דאן איז דער פסוק ווי עס דארף צו זיין: 'ויאמר ה' סלחתי כדברך'.

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו

נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## פרק ח
## עפענען אייזערנע כלים

### סעיף א

**עפענען גרויסע אדער קליינע קענס** (פון טונא, סארדינ'ס, קאמפאט א.ד.ג.), **אדער קאנטעינער'ס** (פושקעלעך) **פון ניס** (פינאטס מאנדלן א.ד.ג.).

עס איז בעסער דאס צו עפענען ערב שבת. אויב האט מען דאס נישט געעפנט ערב שבת, ווענדט זיך וואספארא סארט כלי דאס איז:

**[א]** קענס וואס מען נוצט געווענליך אויס אויפאיינמאל[1], מעג מען עפענען אום שבת, און מען מעג אפילו נוצן א קען אפענע"ר, אזוי אויך מען מעג שלעפן מיטן פינגער דער רינגל וואס איז באהאפטן צו דעם דעקל (אזוי ווי ביי קענס פון סארדינ'ס) און עס עפענען אויף די אנגעצייכענטע פלאץ, אבער מען דארף עס אויסליידיגן גלייך נאכן עפענען, און אוועקווארפן די קען.[2]

**[ב]** קענס וואס דער שטייגער איז נישט עס צו אויסליידיגן גלייך נאכן עפענען (אזוי ווי קענס פון ניסלעך א.ד.ג.), און אפילו קענס וואס מען נוצט יא געווענליך אויס אויפאיינמאל - אויב 'דער מענטש' לייגט אסאך מאל אוועק אזא סארט קען / קאנטעינער צו האלטן דערין אנדערע זאכן, טאר מען עס נישט סתם אזוי עפענען (ווייל דאס הייסט אז מען מאכט א כלי[3]), נאר מען דארף קודם מאכן א לאך אונטן פונעם קען אז עס זאל מער נישט זיין ראוי אויף צום נוצן, און נאר נאכדעם מעג מען עס עפענען (און מען דארף דאס אויסליידיגן גלייך נאכן עפענען און אוועקווארפן די קען).

### סעיף ב

**עפענען קענס סאדע.**

די הלכה איז די זעלבע ווי אין די פריערדיגע סעיף, אז וויבאלד מען טרונקט עס געווענליך אויס אויפאיינמאל (ממילא איז נישטא קיין איסור פון מאכן א פתח), **מעג מען** עס עפענען אפילו דורך שלעפן די אייזערנע רינגל, אויך מעג מען אריינלייגן א שטרוי צו טרונקען דורך דעם.

אבער מען דארף עס אויסטרונקען אויפאיינמאל, און נישט טרונקען אביסל און אוועקלייגן די איבריגע אויף שפעטער (ווילאנג מען לייגט עס נישט אוועק אויף שפעטער אדער אויף מארגן, אפי' אויב מען טרונקט עס אויס צוביסלעך, הייסט עס נאך אויפאיינמאל און עס איז מותר).

### סעיף ג

**פארשידענע זאלבן** (קריעמ'ס) [CREAMS] **וואס קומען אין א טו"ב** [TUBE], **און די עפענונג איז פארמאכט מיט א קליין שטיקל פלעסטיק אדער זילבער פאפיר** (אלומינום) **וואס מען מוז לעכערן מיט א שטעכער** (וואס איז געווענליך דא אויפן דעקל).

מען טאר עס נישט לעכערן.

אין א פאל וואס מען דארף די קריעם פאר א קראנקן, אדער פאר איינעם וואס האט גרויס צער און עס טוט שטארק וויי (אגב, פארן נוצן סיי וועלכע קריעם אום שבת, דארף מען פרעגן א שאלה, אויב און ווי אזוי מען מעג דאס נוצן), **מעג מען דאס לעכערן מיט א שינוי, צום ביישפיל אז מען זאל אנכאפן דעם שטעכער** (אדער די דעקל וואס האט אין זיך די שטעכער) **מיט די פארקערטע זייט פון די האנט און אזוי עס לעכערן.**

---

1 זעה אין פרק ב' סעיף ג' די שיטה פון חזו"א, אז ביים עפענען קענס איז דא אן איסור פון מאכן א נייע כלי (אויסער די שאלה פון מאכן א פתח), ווייל א פארמאכטע קען הייסט נישט קיין כלי (וויבאלד עס איז שטארק צוזאמגעשמאלצן פון אלע זייטן), און יעצט ווען מען עפנט די קען מאכט מען דאס פאר א כלי.

**אבער** ווען מען עפנט אזעלכע קענס, וואס דער שטייגער איז צו אויסליידיגן גלייך נאכן עפענען און אוועקווארפן די קען, הייסט דאס נישט אז מען האט געמאכט א כלי (וויבאלד עס איז נישט דער שטייגער דאס צו האלטן אויף צום נוצן), נאר עס רעכנט זיך אזוי ווי ער האט געמאכט א 'צובראכענע כלי' וואס מען ווארפט אוועק אין גארבעדזש (און צו מאכן א 'צובראכענע כלי' הייסט נישט 'מתקן מנא').

2 ווייל ווען מען נוצט די עפענונג נאר איינמאל איז נישטא דא קיין איסור פון מאכן א 'פתח' (זעה פרק ג' סעיף ג'), און וויבאלד מען ווארפט עס גלייך אוועק איז אויך נישטא דער איסור פון מאכן א כלי.

3 זעה אויבן אין הערה א', אז לויט דעם חזו"א איז דא אן איסור פון מאכן א נייע כלי ביים עפענען א קען (אויב עס איז נישט דער שטייגער עס צו אויסליידיגן און אוועקווארפן גלייך נאכן עפענען).

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה"ר **אלימלך ברי"י סג"ל קרויס** הי"ו (קר"י)
לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## רבינו השרף מרן משולם פייש מ'טאהש זי"ע

**דעם היינטיג'ן שבת קודש | כ"ח סיון | געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן שרף רבינו משולם פייש בן רבי מרדכי ו'זעלדא זי"ע, אב"ד ור"מ דק"ק טאהש והגלילות, מייסד השושילתא.**

### ואלה מתולדותיו:

דער שרף איז געבוירן אינעם שטאט יאזעפסדארף אין יאר תקע"ו לפ"ק.

שוין פון די יונגווייז אן האט זיך אנגעזעהן אויפן שרף זיינע גרויסע און הייליגע השגות בד' עמודי עולם, ספעציעל אין זיינע אינגע יארן די התמדת התורה לערנענדיג טעג און נעכט אן אויפהער.

אין יאר תר"ד איז פארגעקומען די חתונה פונעם שרף מיט הרבנית הצדיקת מינדל ע"ה בת הרה"ק ר' ישעי' דוד קופערשטיין זצ"ל. נאך די חתונה איז דער שרף פארבליבן וואוינען אויף קעסט אינעם שטאט טשאסאר, אנגייענדיג ווייטער בעבודת הקודש.

דער שרף האט מקבל געווען תורה וחסידות פון פילע צדיקים וקדושים ווי ער פלעגט זיך מסתופף זיין, און געניסן פון א אויסטערלישע התקרבות, צווישן זיי רבינו רבי יצחק אייזיק מ'קאמארנא, רבינו רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב, רבי צבי הירש מ'ליסקא, רבי חיים מ'צאנז, רבי יהודה צבי מ'ראזלא, רבי דוד מ'דינוב, ועוד, זכותם יגן עלינו.

### בקרב קדושים תתהלל:

דער הייליגער צאנז'ע רב זי"ע האט זיך אויף אים אויסגעדריקט: **'אוי איז דאס הייליגע הענטעלעך, איך שפיר א קדושה אין די הענטעלעך, זאגט מיר ווער איר זענט'.**

רבו מובהק רבי דוד'ל דינובער זי"ע האט



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ח סיון | רבינו השרף מרן משולם פייש בן רבי מרדכי סג"ל וזעלדא זי"ע | תרל"ג |
| א' תמוז | הרה"ק רבי קלונימוס קלמן בן רבי אהרן הלוי זי"ע - מ'קראקא - מאור ושמש | תקפ"ז |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ח סיון | הרב החסיד ר' יצחק אייזיק בן ר' אברהם יהושע העשיל ע"ה פערלמוטטער | תרמ"ט | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| כ"ט סיון | הרב החסיד ר' חיים זאב בן ר' אברהם אשר זעליג ע"ה מאירוביץ | תשס"ב | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ל' סיון | הרב החסיד ר' אשר בן ר' יוסף ע"ה | תרפ"ז | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| א' תמוז | האשה החשובה מרת שולמית בת ר' יהושע זאב ע"ה | תרפ"ב | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| א' תמוז | הרב החסיד ר' שלמה בן ר' יהושע זאב ע"ה | תרפ"ב | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ב' תמוז | הרב החסיד ר' חיים זאב בן ר' חנני' יו"ט ליפא ע"ה מאנן | תשע"ז | ביה"ח בקרית יואל |
| ג' תמוז | הרה"ג ר' שמשון בן ר' יהוסף ז"ל שווארץ<br>ר"מ בישיבתינו הק' רבות בשנים | תשפ"א | ביה"ח בקרית יואל |
| ג' תמוז | הרב החסיד ר' יצחק בן ר' מרדכי אשר ע"ה<br>ראש הקהל דק"ק טאהש אונגארן | תרצ"ה | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ד' תמוז | האשה החשובה מרת ריזל בת רבי יעקב הכהן ע"ה לייפער<br>אשת הרה"ג ר' מרדכי שליט"א | תשס"א | ביה"ח דקריתינו הקדושה |

זיך אויסגעדריקט: **'איך האב איין חסיד וואס פארט צו מיר, דער טאהשער רב, ער איז שקול קעגן טויזענטער חסידים מיט זיין חסידות און קדושה'.**

דער שרף האט טאקע זוכה געווען צו באקומען סמיכה פון רבו מובהק רבי דוד'ל, און אמאל ווען דער שרף איז געקומען ווילן ביים רבי דוד'ל, האט זיך רבי דוד'ל אנגערופן צו אים **'דו קענסט דאך שוין לייגען קוויטלעך אליין'.**

דער הייליגער רבי יצחק אייזיק מ'קאמארנא זי"ע האט מעיד געווען אויפ'ן שרף: **'ער לערנט תורה לשמה'.**

דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט אויף אים געזאגט: **'טשעפעט אים נישט, ער איז א אש להבה'.**

דער הייליגער יטב לב זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט: **'דער טאהשער רבי איז א מלאך אלוקים, וכל יוצאי חלציו זענען נשמות קדושות מאוד'.**

*

ווי נאר דער שרף איז אויפגענומען געווארן על כס הרבנות אין שטאט טאהש, איז זיין נאמען געווארן מפורסם גאר שטארק, און עס פלעגן קומען צו פארן אידן פון איבעראל פאר א ישועה און צו באקומען פון די הייליגע ברכות.

דער שרף איז געווען גאר באליבט ביי די שטאטס-לייט, ווי מען האט געזעהן די שטענדיגע הערצה וואס די שטאטסלייט האבן צום שרף, ווען עס האט זיך געמאכט אז מען האט אנגעבאטן פארן שרף צו קומען צו א גרעסערע שטאט אננעמען די רבנות פאסטן, האבן זיך די שטאטסלייט געבעטן אז דער שרף זאל נישט גיין, און פארבלייבן מיט זיי, און האבן אפילו מסכים געווען צו העכערן דעם געהאלט פון שרף, אלעס אז דער שרף זאל בלייבן ביי זיי אין שטאט.

*

טראצדעם ווען דער שרף האט שוין געפירט א אייגענע קהלה, און כסדר פלעגט מען קומען צו פארן קיין טאהש צו ווילן בצילו, פלעגט אבער דער שרף איין מאל א יאר שבת אפלאזן פון אלעס ארום זיך, און פלעגט פארן צו רבו מובהק רבי דוד'ל דינובער זי"ע, צו קונה זיין פון זיין רבי תורה ועניני עבודת השי"ת.

*

דאס אהבת חסד און אהבת ישראל וואס דער שרף האט פארמאגט, האט געפלאקערט אין זיין הארץ ווי א שלהבת, פון יעדע וועג וויאזוי מען האט נאר געקענט העלפן א איד, אויף סיי וועלכער אופן, האט דאס דער שרף געטוהן, מיט גרויס פארשטאנד אז יענער זאל זיך נישט דארפן שעמען צו געניסן פון דעם הילף.

ווידעראום איז א באזונדערע עבודה געווען 'דער הייליגער שבת' ביים שרף, דער התלהבות, דער שמחה, דער התרוממות, וואס דער שרף פלעגט ארייננשיינען פאר יעדעם אין הארץ וואס איז געווען בבחינת 'מעין עולם הבא יום שבת מנוחה', און האט ריכטיג אפגעטייטשט דעם 'השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות'.

*

אין שנת תרל"ג האט אויסגעבראכן א שרעקליכע מגיפה אין עסטרייך - אונגארן, ווי עס זענען ליידער אוועקגעריסן געווארן אסאך אידן, ווי אויך א טאכטער פונעם שרף, כ"ה סיון האט דער שרף געזאגט פארן רעבעצין 'אין דריי טעג ארום וועסטו זעהן מיין צורה'!, כ"ז סיון האט דער שרף געזאגט צו זיינע מקורבים אז מארגן וועט זיין די לעצטע טאג וואס ער איז אויף דער עולם, און דאן וועט ער נסתלק ווערן און דערמיט וועט ער זיין א כפרה פאר כלל ישראל אז דער מלאך המשחית זאל זיך אפטוען פון כלל ישראל.

אום מאנטאג 'ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגיפה' - כ"ח סיון תרל"ג איז דער הייליגער שרף נסתלק געווארן צוריקגעבענדיג זיין הייליגע נשמה צום בורא כל העולמים, און דערמיט אפגעשטעלט דעם מגיפה ביי כלל ישראל.

*

רבינו הק' זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה, אז דער יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן שרף געפאלט אלעמאל אויס אין דעם טאג וועלכע וועט זיין דעם ערשטן טאג ראש השנה פונעם קומענדיגן יאר.

אויף די נוסח המציבה שטייט: פ"נ הרב הצדיק, בוצינא קדישא, חסידא ופרישא, עובד השם בקדושה וטהרה, והתלהבותו בתורה ובתפלה, היתה כאש בוערה, וכבוד קדושת שמו, מו"מ רבי... זכות תורתו אשר למד ברעדה יעמוד לנו, נפטר... ת.נ.צ.ב.ה.

*

## מברכת הקודש של רביה"ק זי"ע

"די זכות פון זיין עניוות און זיין מדה פון אמת, און די זכות פון זיינע פייניגען וואס ער האט גענומען אויף זיך פארן כלל ישראל, און די זכות פון אלע זיינע הייליגע מעשים טובים און אויסגעהארעוועטע נעכט, זאלן באשיצן אויף זיינע אייניקלעך און תלמידים, מיר זאלן קענען גיין אין זיינע וועגן און נישט פארשעמט ווערן פאר אים לעתיד לבוא".

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**




# שלהבת אש

עבודתו הקדושה באש להבה בקדושת השבת של מרן רביה"ק השרף זי"ע
**לרגל היומדה"ל קדישא – שבת קודש פר' שלח – כ"ח סיון**
מלוקט מספרי הקדושים עבודת עבודה

## בכל שבת אירע נס פלא שנשמתו נשארה בהגוף

ידועה ומפורסמת היא, עבודתו הגדולה של בעל ההילולא "בשבת קודש" שהיה בוער כאש להבה, ועבודתו אז היתה למעלה מגדר אנושי, ומי שראה את עבודתו בשבת העיד, כי נס ופלא הוא שאין נשמתו יוצאות מקרבו, ובכל שבת אירע שוב נס ופלא הזה, שנשמתו נשארה השורה אל הגוף, ולא פרחה ממנו מגודל תבערת יקוד הקדושה שבער בו.

ושמעתי מפי בנו זקיני הק' זי"ע, שסיפר על אביו הק', כי פעם אחת נגע איש אחד במטפחת (פאטשיילע) שלו בשבת, ובער בו כל ימיו, "עס האט אים געבריהט כל ימיו".

(עבו"ע שיח"ק ח"ג שז)

## די ווענט טאנצן און קלאטשן פאר קדושת שבת

וידוע כי אא"ז הק' זי"ע אמר פעם להרבנית: האם אין את רואה, "ווי די ווענט טאנצן און קלאטשן פאר קדושת שבת", כי ראה במו עיניו היאך גם הדומם מרגיש קדושת השבת ומרקד מכח הקדושה.

(עבו"ע שיח"ק ח"ב לו)

## שפך מים על פניו אחר המקוה בערב שב"ק ונתייבשו תיכף

וכבר מערב שב"ק, כאשר יצא מן הטבילה במקוה, בערו פניו כלפיד אש, והיה דרכו לשפוך אז קדרה מלאה מים על פניו, והמים נתיישבו על פניו, כמו ששופכים מים על תנור בועה. וסיפר הרה"ח ר' יחזקאל פריעדמאן ז"ל מה שראה במו עיניו, כי הוא למד בעיר קליינווארדיין בישיבתו של הגה"ק בעל פני יצחק זצ"ל, ובא עם אחד מחברין, לחוג את חג השבועות בטאהש הסמוכה לשם, ובאשמורת יום ראשון של חג, אחר סדר תיקון ליל שבועות, כאשר יצא אא"ז הק' מן המקוה בערו פניו כלפיד אש, וראה הוא וחבירו היאך שופך על פניו הרבה מים, ומיד כאשר המים נגעו בפניו, נתייבשו, כאילו שפגם על תנור בועה,

ועמדו מן הצד משתוממים על המראה, ונפחדו מאוד, ואא"ז הק' הפך פניו אליהם, ואמר להם בזה"ל: קינדערליך, וואס ווייסט איר וואס יעצט אין הימל טוט זיך, וכדרך הזה היה בכל ערב שב"ק אחר הטבילה, ששפך על פניו קדרה מלא מים, והמים נתייבשו על פניו.

(שיח"ק ח"ג שלז)

## התעוררות גדולה במנחה בערב שב"ק

כאשר נכנס לביהמ"ד לתפלת המנחה בערב שב"ק, נעשה התעוררות רב בין הציבור, ושמעתי ממו"ח ז"ל, שנזכה להכיר כמה מזקני החסידים שזכו לשבות בצל קדשו, והם סיפרו לו, כי במנחה ערב שב"ק, כאשר אא"ז הק' התחיל לומר אשרי יושבי ביתך, היו שם בכיות עצומות מרוב ההתרגשות, והיה התעוררות גדולה מאוד.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג שלח)

## גודל עבודתו הנלהבה בעת 'קידוש' ובעת זמירות 'כל מקדש'

דער הייליגער עלטער זיידע זי"ע, איז דאך שבת ממש ארויס פון די כלים פאר'ן גרויסן אור, ווען ער האט געמאכט קידוש פרייטאג צונאכטס האט ער זיך אזוי געווארפן, אז מ'האט געדארפט שטיין נעבן אים מיט א קריגל וויין, און אלץ צוגיסן נאכאמאל צום כוס, כדי דער כוס זאל בלייבן פול.

ביי כל מקדש איז ער געווען ממש א אש להבה, ער האט זיך געווארפן און ארומגעלאפן און ארויפגעשפרינגען אויפן טיש, און נאך וואס דארט אלץ איז געווען, אלעס ווייל ער האט געשפירט די זיסקייט, ער האט געשפירט די נועם השבת, און אזוי איז אויך געווען ביי אלע צדיקים אויף פארשידענע אופנים, שבת איז געווען ביי זיי כלות הנפש.

(עבו"ע אמ"ק ח"א פז)

## היה מכריח עצמו לאכול מאכלים רותחים לכבוד שב"ק

זקיני הק' זי"ע היה רגיל לומר בשם אביו אא"ז הק' זי"ע, שאע"פ שבימי החול אם אוכלים מאכלים חמים ביותר, יכולין להזיק לבריאות, אבל בשבת "ווי הייסער איז אלץ חשוב'ער". וסיפר זקיני הק', שראה לאביו הק' שהיה מכריח עצמו לאכול בשבת מאכלים חמים מאוד, וכן

הרבה צדיקים וגדולי הדור, הסתופפו בצלו של אא"ז הק', וגם שלחו את בניהם ותלמידיהם לשבות בצלו בשב"ק, כי עבודתו של אא"ז הק' בשב"ק היה מפורסם בכל המדינות.

וידוע כי הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע שלח את בנו הרה"צ ר' אברהם אהרן מקאלבסוב ז"ל לשבות בצל אא"ז הק', כי בעל הייטב לב העריץ מאוד את אא"ז הק' והעיד עליו שהוא קדוש עליון.

(עבו"ע דב"ק ח"א קעב)

נהג אחריו זקיני הק' בעצמו, כמו שראיתי שהכריח עצמו לאכול מאכלי שבת כשהם רותחים עד מאוד, עד שהיה מזיע הרבה מחמימות המאכלים.

(עבו"ע שיח"ק ח"א קנא)

## עבודתו בריקודין בליל שב"ק

בליל שב"ק האריך בשלחנו עד אור הבוקר מידי שבת בשבתו, והיה מפזז ומכרכר ומרקד כל הלילה מרוב קדושת השבת, ועבד עבודתו כמלאך אלוקים ממש.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג שלח)

## בעת הריקודין טבל את גופו 'בעיגול' של בני ישראל

וכן ידוע מנהגו של אא"ז הק' זי"ע שנהג להרבות בריקודין בליל שב"ק בעבודה רבה ועצומה, וכאשר החסידים עמדו מסביב בעיגול, היה מרכין גופו בין בני ישראל הקדושים, לטבול עצמו בתוכם, כאדם הטובל עצמו במקוה טהרה, ואמר הטעם לזה כדברינו, כי מקוה ישראל ה', שכאשר בני ישראל מתאספים יחד, הם בחינת מי מקוה המטהרים.

(עבו"ע דב"ק ח"א ער)

## לא שכב לישון בכל משך השב"ק עד של"ש ועסק בתיקון נשמות

ובכל משך השב"ק לא שכב כלל לישון עד שסעד לסעודה שלישית, שאז נרדם על כסאו, וצוה מתחיל שכאשר ירדם יניחוהו על מטתו בחדרו, וקבע זמן שיעוררו אותו, ואח"כ המשיך בעריכת שלחנו, ובוודאי היתה לו כוונה עמוקה למה נרדם בעת סעודה שלישית דייקא, ואין לנו השגה בדרכיו הק', אבל חשבתי לומר טעם על זה, כי אחר שערך את סדר השב"ק באש להבה כזו, היה כחו גדול לפעול ענינים רמים בעת רעוא דרעווין, והיה קשה לפעול את זאת בין אנשים, שלא ירגישו בו, לכן רצה לירדם אז בחדרו, כי כן היה יכול להתקשר בעולמות עליונים באין מפריע.. כן יש לומר על זה אא"ז הק' שנרדם בעת סעודה שלישית, כדי לעלות השמימה להתעשע בעולמות העליונים, ומי יוכל להשיג מה פעל וראה שם בעת ההוא. גם הרי ידוע שעסק בשב"ק בתיקוני נשמות, וכאשר נשמות באו אליו בימות החול לבקש תיקון, פקד עליהם שיבואו אליו רק בשבת, והיה רגיל לומר: "שבת טו איך א טובה פאר א איד", אם כן אפשר שגם סעודה שלישית רצה לעסוק בזה, כי בשעה שהצדיקים עורכים סעודה שלישית, יורדום אלפי נשמות ומבקשים תיקון, ובתוך השינה היה יכול לעסוק בענינים אלו יותר בניקל. ומי יעמוד בסודן של דברים.

(עבו"ע שיח"ק ח"ג שלח)

## לכן זכה לערוך את השב"ק באופן נשגב כל כך מפני שהסתגר בכל ששת ימי המעשה ועסק בתורה ביגיעה רבה

ועל פי זה יתפרש מה שאמר הכתוב אח"כ "וביום השביעי יהי' לכם קודש", על פי הידוע הנהגתו של אא"ז הק' זי"ע, שהסתגר בחדרו בכל ששת ימי המעשה, וכמעט לא ראוהו, כי היה מתמיד מאוד בתורה, והיה דבוק בה' בכל לב ונפש, ופעם אחת בנה לעצמו מערה, שיוכל להסתר שם בכל ימות השבוע לעסוק בתורה, כי זאת היתה כל מגמתו להידבק כל כולו בתורת ה', ולא רצה שיבטלוהו מזה בשום אופן.

ואחר שערך ששת ימי המעשה באופן כזה, יצא לעיני העם לערוך את יום השבת, ואז היתה צורתו בוערת כלפיד אש, וכידוע שבשבת קודש נשתנה צורתו מבכל ימות השבוע, עד שכמעט לא הכירוהו, כמו ששמעתי דבר זה מכמה עדים נאמנים. גם ידוע, שבשב"ק היתה קומתו גבוהה יותר מבכל ימות השבוע, ועוד ועוד ענינים רמים ופלאים אשר ראו בעבודתו בשב"ק, והרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע אמר עליו: "ער האט א גרויסן חלק אינעם שבת".

ואמרתי הזה, דדין גרמא דין, כי לכך זכה לערוך את השבת באופן נשגב כל כך, מפני שהסתגר בכל ששת ימי המעשה, ועסק בתורה, ביגיעה רבה כל כך, כי הארת האדם ביום השבת, תלוי' כפי יגיעתו בתורה בששת ימי המעשה, ואור התורה הוא שהלהיב בלבו את אור השבת באש גדול כל כך, ולפי זה יש לפרש הכתוב, ששת ימים תיעשה מלאכה, היינו לתיעשה על ידי אחרים כאמור, כי אתה תהי' דבוק בכל ימות השבוע אל עסק התורה, אזי וביום השביעי יהי' לכם קודש, פירוש שהקדושה וההארה של שבת תהי' שלכם, שתזכו להרגישה ולטעום ממנה.

(עבו"ע פתגמ"ק ח"א שט)



# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## וישובו מתור הארץ מקץ ארבעים יום

רש"י הק' פרעגט אז ארץ ישראל איז געווען ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה, און א מענטש קען גיין מערסטנס צען פרסה א טאג, קומט אויס אז אין פערציג טעג קען מען גיין פיר הונדערט פרסה, און זיי האבן דאס דאך דורכגעוואקט אין די לענג און אין די ברייט, אויב אזוי האבן זיי געדארפט האבן הונדערט און זעכציג טעג, נאר וואס דען, די אייבערשטער האט געוואוסט אז זיי גייען דארפן זיין אין מדבר יום לשנה, האט די באשעפער קערצער געמאכט די וועג פאר זיי.

הרה"ק ר' יעקב קאפיל מ'ליקאווע זי"ע די זיידע פונעם הייליגן שרף זי"ע, זאגט אז מען קען מסביר זיין די חשבון ווי אזוי עס האט געקענט אזוי שנעל, וויל דאס וואס רש"י זאגט מהלך אדם בינוני עשרה פרסאות ליום, דאס איז פון די נץ החמה ביז די שקיעת החמה, משא"כ די מרגלים זענען געגאנגען פון די עלות וואס דאס איז צוויי שעה פארן נץ ביז די צאת הכוכבים וואס דאס איז צוויי שעה נאכן שקיעה (עפ"י שיטת הרמב"ם ועוד) קומט אויס אז זיי האבן געוואקט א שעה א טאג.

און עס שטייט ביי די מסעות (במדבר י' ל"ג) ויסעו מהר ה' דרך שלשת ימים, זאגט רש"י מהלך שלשת ימים הלכו ביום אחד, וויל דער אייבערשטער האט זיי גלייך געוואלט אריינעמען אין ארץ ישראל, און זיי האבן אין איין טאג געוואקט דרייסיג פרסה פון די נץ ביז די שקיעה, וואס דאס מיינט יעדע פיר שעה האבן זיי געוואקט א מהלך פון א גאנצע טאג.

און דא ביי די מרגלים זאגט רש"י אויך אז דער אייבערשטער האט מקצר געווען די וועג, קען זיין אז עס איז געגאנגען מיט די זעלבע מהלך, אז יעדע פיר שעה האבן זיי געוואקט א מהלך פון א גאנצע טאג וואס דאס איז צען פרסה, נאר דא האבן זיי געוואקט פיר שעה לענגער, פון די עלות ביז די צאת, קומט אויס אז זיי האבן יעדן טאג געוואקט פערציג פרסה, אין פערציג טעג זענען זיי געגאנגען א מהלך פון טויזנט זעקס הונדערט פרסה, קומט דאך אויס זייער גוט, אז זיי האבן געוואקט לארכה ולרחבה, וואס דאס איז אכט הונדערט פרסה און די וועג צוריק איז געווען נאך אכט הונדערט, צוזאמען איז דאס טויזנט און זעקס הונדערט פרסה.

אבער לכאורה האבן זיי נישט געקענט גיין די אלע פערציג טעג, וויל אינמיטן איז דאך געווען זעקס שבתים, וואס זיי הבן זיך געדארפט אפשטעלן, אויב אזוי האבן זיי נאר געקענט גיין פיר און דרייסיג טעג, וואס דאס קומט אויס טויזנט און דריי הונדערט און זעכציג פרסה.

ענטפערט רבי יעקב קאפיל מ'ליקאווע אז עס קען זיין אז די וועג צוריק זענען זיי נישט געגאנגען לארכה ולרחבה, נאר זיי זענען געגאנגען באלכסון (שיפרעהייט), און די גמרא אין מסכת סוכה (דף ח ע"א) זאגט אז א יעדע אמה פיר עקעדיג איז שיפרעהייט אינדערמיטן אן אמה מיט צוויי פיפטלעך (כל אמתא בריבוע, אמתא ותרי חומשי באלכסונא), קומט אויס אז די מרגלים זענען געגאנגען לארכה צען טעג פיר הונדערט פרסה, און לרחבה נאך צען טעג פיר הונדערט פרסה, און אויף די וועג צוריק האבן זיי נאר געדארפט פערצן טעג, וויל ווען מען צוטיילט צען אויף פינף, איז א יעדע חלק פינף 'אמתא ותרי חומשי', קומט דא אויס פערצן טעג, קומט אויס אז זיי האבן נאר געדארפט פיר און דרייסיג טעג, און די איבריגע זעקס טעג האבן זיי גערוהט.






# הליכותיו בקודש

## חינוך להשכמה

ט. לגודל נחיצות ענין ההשכמה קבע לתלמידים בישיבתו הק' סדר קבוע ללימוד באשמורת הבוקר, ותבע מכל התלמידים להשתתף בסדר לימוד זה, כאחד מעיקרי התקנות בישיבה [יא].

גם התאמץ מצידו בכל זמני יומא דפגרא לגמור בזריזות את עריכת השלחנות בלילות, כדי שלא לעכבם. וכן לא הניחם להשתתף במסיבות שונות או חתונות של יוצאי חלציו באופן שיפריעם ללכת לישון מוקדם ולקום באשמורת (ג) ולפעמים היה מגיע לישיבה לבדוק אם עומדים על זה.

### עבודת הלוי

(ג) כאמור למעלה העמיד וביסס הנהגת סדר הישיבה להשכים קום באשמורת הבוקר, ולעסוק אז בלימוד הכנה לשיעור עיון. והתחלת סדרי הישיבה היתה בשעה שש בבוקר.

ומגודל חשקו לחנך ולהרגיל את התלמידים להשכים קום, וכדי לסלק מהם הסיבות הגורמים לישכב מאוחר ולהחמיץ את השכמת הבוקר, היה מוכן גם מצידו לקצר בעבודתו בקודש. כגון בימי החנוכה, זירז עצמו בהדלקת הנרות, לסיים בשעה מוקדמת כדי שילכו הבחורים לישון בזמן ולקום באשמורת. בשנים הראשונות היה אומר דברי תורה בכל ליל חנוכה, ולאחר שראה שזה גורם לתלמידי הישיבה לאחר את שעת השכיבה בלילה, פסק מלומר תורה כל לילה, חוץ מליל זאת חנוכה.

[וראה בעבו"ע פתגמ"ק (ח"א עמ' קט) וז"ל, ולא שבימי החנוכה יזניח האדם את התורה עוד יותר מכל השנה, לבלות את הזמן בלילה לפני הדלקת הנרות ולאחריה, ומפני כך ישכב בשעה מאוחרת ויעמוד בבוקר בשעה מאוחרת, וממילא לא יתפלל התפלה כראוי וכיאות, הרי בזה דוחה את אור החנוכה בידים. אלא עלינו להתאמץ עתה בעסק התורה עוד יותר מבכל ימות השנה, לעמוד בבוקר השכם יותר, ולדבר יותר דיבורים אל ה', ע"כ].

בכל שבוע במוצאי שבת קודש היה דרכו למסור לבחורים שיחות קודש וסיפורי צדיקים, ואז היה מזכיר כסדר שאי אפשר לו להאריך, כדי שלא יפריע לסדר ההשכמה ביום ראשון.

גם נתן לבחורים זכות קדימה, שבכל מוצ"ש היו אורחים רבים שבאו מחוץ לעיר להסתופף בצילו בשב"ק, ורצו להיכנס אליו להיפרד לחיים ולשלום מיד במוצ"ש, עם כל זה היה קודם מוסר את שיחת הקודש לבחורים כדי שלא יאחרו מלישכב בזמן שינה, והיו האורחים זקוקים להמתין עד תום השיחת קודש, כדי שיוכלו להפרד ממנו.

בהשנים הראשונות של הישיבה בקרית מלך רב, כמעט ולא היו חתונות בקריה, והמעט שהיו התקיימו בבנין הישיבה, כי לא היו

### בארות הלוי

[יא] די צייט זאל זיין געבענטשט, מ'זאל עס ניצן ווי ס'דארף צו זיין, מ'זאל אפהיטן די זמנים. און אויף דעם דארף מען דאס ערשטע הארעווען. מ'האט קובע געווען אין די ישיבה, א צייט ווען מ'ברויך אויפצושטיין, מ'האט אויסגערעכנט און מסדר געווען דעם זמן, דארף מען דאס האלטן שטארק, ס'איז דא א זמן פארטאגס זיך פארצוקוקן דעס שיעור, דארף מען זיך מוסר נפש זיין אויף דעם, ס'דארף גיין מיט מסירת נפש וכו'.

מיט געוואלד דארף מען זיך געוויינען, צו האלטן שטרענג אלע סדרים. אויף דעם פרעגט מען אויבן, קבעת עתים לתורה, דאס גייט נישט נאר אויף א בעל הבית ארויף, דאס גייט ארויף אויף יעדן בחור, מ'פרעגט צי ער האט קובע געווען זיין צייט, צי ער האט אלע זמנים איינגעטיילט ווי ס'דארף צו זיין (שפתי קודש עמ' יא).

## עבודת השכמתו במסירות נפש

י. מדי יום ביומו ערך מלחמה נגד טבע הגוף לקיים עבודת ההשכמה בכל מצב שיהיה. למרות שבדרך כלל היה ער כל הלילה וערך עבודתו בקודש בתורה ועבודה, ובפרט בקבלת קהל שהיתה לו בזה עבודה מיוחדת (כמובא להלן פרק מב), ולפעמים נמשך הזמן אחרי עלות השחר (בפרט בימות הקיץ), ואז קרא קריאת שמע של שחרית ט), ואמר את הפסוקים והמזמורים הנהוגים לאומרם אחר קריאת שמע שעל המטה י).

לאחר מכן לא נכנס לישן במיטה, רק הלך לנוח קצת על הקנאפע [-ספה] יא) שינה מועטת בין שעה וחצי לשעתיים, והרבה פעמים גם מזה מיעט יב). ואף על פי כן לא ויתר אח"כ בשום אופן על עבודת ההשכמה ושבר את גופו במיעוט שינה (ד) כדי שלא להחמיץ שעות יקרות אלו של הכנה דרבה לקראת התפילה יג).

### מעיינות הלוי

**ט)** כתב בלבושי שרד (סי' נח ס"ב), לכך יזהר מאוד כל אדם, אחר שבירך ברכת התורה, אם כבר הגיע זמן ק"ש, יקרא תיכף כל הג' פרשיות שמע והיה אם שמוע ופרשת ציצית עד אני ה' אלהיכם אמת, ולא סגי בפרשת שמע לבדה וכו'. וראה עוד להלן (סי' ז סעיף ב).

**י)** במג"א (סי' תריט סק"א) מביא סגולה קודם שישן, לומר ד' מזמורים הראשונים שבתהלים, ומקורו בשער הכוונות מהאריז"ל ובפרי עץ חיים (שער כז פ"ב). ולכאורה כל זה שייך גם לענין אמירת יתר הפסוקים שאומרים בק"ש.

**יא)** כתב בראשית חכמה (שער הקדושה פרק ז אות פח), ושמעתי שהחכם כה"ר יוסף טיטיצ"ק ע"ה, מ' שנה לא ישן במטה מוצעת אלא משבת לשבת, ואמרו שהיה דרכו לישן על גבי תיבה אחת ורגליו תליות, והיה קם בחצות ממש ולא ידע אדם מזה עד אחר מיתתו, שסיפרה אשתו.

ובאשל אברהם (בוטשאטש, סי' רלו) כתב, דאטו העושים כיעקב אבינו ע"ה בבית שם ועבר ע"ה שלא שכב על מטתו כמה שנים בידוע, ויש בכל דור ודור העושים כן ששוכבים על מטתן רק בשבת קודש, אטו הם יוגרע מהם חיוב הברכה של המפיל רק שינת קבע, כנראה כל שהיא שינה, מספקת בזה למעת לעת שלם.

ובספר שארית יצחק (פ' ויצא) כתב, שמעתי הנהגות הקודש של הגה"ק האלקי הרבי ר' שמעלקי זצ"ל זי"ע מניקלשבורג, שהיה דרכו לא להניח עצמו על המטה לשכב, רק ישב ועסק בתורה ועבודה על כסא קדשו כל הלילה, וכשחטפתו שינה היה נרדם וישן על כסאו, והיו שואלים אותו: למה לא הניח עצמו רבינו קצת על מטתו לנוח מעבודת היום, והשיב בפה קדשו, וכי מי שיש לו אבן טובה בידו ישליכו מידו ארצה וילך לשכב ולישן, והיינו דהתורה ועבודה שלו היה חשוב בעיניו יותר מכל אבנים טובות ומרגליות שבעולם, ולא רצה להניח מעבודתו ולשכב על מטתו, וכל זמן שהיה בכוחו לעבוד להשי"ת לא נח אף רגע מעבודתו הקדושה עד שחטפתו שינה ונרדם על הכסא שלו. וכעי"ז כתב בספר דרכי הישר והטוב (ליסקא, דף לח).

**יב)** בגמ' סנהדרין (עא, ב) אמרו, שינה לצדיקים רע להן ורע לעולם, וכתב רש"י (ד"ה לצדיקים), רע להן שאין עוסקין בתורה, ורע לעולם שהתורה שהן עוסקין בה מגינה על הדור, וכשהן מתבטלין פורענות בא לעולם. ובירושלמי (שם פ"ח ה"ז), אמר ר' יונתן ישינים הן קימעא, מפני שתהא דעתן מיושבת, ובפני משה שם כתב, ומתוך כך דעתן מתיישבת ביותר לעסוק בתורה. ובגמ' בבא בתרא (י, א), מאי 'אשבעה בהקיץ תמונתך' (תהלים יז, טו), אמר רב נחמן בר יצחק אלו תלמידי חכמים שמנדדין שינה מעיניהם בעולם הזה, והקב"ה משביען מזיו השכינה לעולם הבא.

ומובא בספר תורה וחיים (מערכת ל אות קמ) וז"ל, בחצות לילה עמד הבעש"ט לעסוק בתורה, כי לא היה ישן כי אם שתי שעות. וכתב הרה"ק בעל האמרי יוסף זצ"ל בהקדמתו לספר ליקוטי תורה והש"ס (על חומש דברים) על רבו הרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע וז"ל, שינה שלו היה מעט מזעיר, לא יאומן

### עבודת הלוי

מקומות אחרים לערוך בהם חתונות, והתנה אז רבינו זי"ע תנאי עם בעלי השמחה, שישתדלו מאוד שהחתונות לא יפריעו חלילה לבחורי הישיבה את הסדרים וזמניהם.

גם בחתונות של יוצ"ח שהתקיימו בקריה, בשנים הראשונות הרשה לבחורים להשתתף רק בקבלת פנים והחופה, וציוה להם ללכת אח"כ לישון כרגיל בישיבה, ועקב אחר זה לראות אם אכן הלכו לישון. הגם שהיו התלמידים קשורים אל לבו בעבותות אהבה, שהיה אביהם ורוח אפיהם, ולא ויתרו אף פעם על עריכת השלחנות, או תפילה עם רבם, ובשמחת רבם ומאורם לא יכלו להשתתף [אמנם לימים כשהתרבו בני הקהילה בלי עין הרע, כבר הסכים שישתתפו הבחורים בעת החתונה, אבל רק עד המצוה טאנץ].

עובדא הוה בשמחת נישואין לאחד מיוצ"ח, בעת שירד מבימת הכבוד בדרכו לקיים מצות ריקודין קדישין כנגד הכלה, שהיתה עבודה נעלה מאוד, ראה את אחד מבחורי הישיבה ואמר לו כמה מילים, ובתוך דבריו העיר לו שיראה להשתפר להזדרז בהשכמתו בזמן, והיה הדבר לפלא שאפילו בזמן נשגב כזה, לא הסיח דעתו מחינוך התלמידים על ענין זה של השכמת הבוקר.

(ד) כהקדמה לספר זה יש לציין נקודה כללית שבלט בכל הנהגתו בקודש, וזה היה משנתו המרכזית בהליכותיו הק', ותמיד דיבר מזה, שיש ללחום מלחמת חרמה ותמידית לשבר את כל הרצונות של הגוף המושכים את האדם לתענוג והנאה, ופעם התבטא שהוא דוגמת השלחן שאין לו שום רצון עצמי, כך אין לו שום רצון עצמי בלתי לה' לבדו. ראה להלן (בבארות הלוי (סימן לט אות יח ובסימן מב סעיף..) משיחותיו שדיבר על נושא זה.

ואכן כל סדר יומו מדי יום ביומו היה באופן של היפך הרצון הטבעי, ללחום נגד כל דרישות הגוף אכילה שתיה שינה וכיו"ב. רוב היום היה טרוד בהכנה לתפילה, בכל שלשת תפילות היום, ובשיעוריו בתורה ואמירת תהלים, וכך עבר משך כל היום עד לשעות הלילה שלא אכל מאומה זולת שתיה, וכך חי את רוב ימיו ללא אכילה (הדברים מפורטים להלן בפרקים הבאים).

גם כשכבר ישב לאכול היה טרוד בעיקר המצוות שיש בסעודה, כמו עבודת נטילת ידים וברכתו, המוציא וברכת המזון, אבל בעצם האכילה קימץ מאד.

וכן במיעוט שינה, לא היה ישן בכל משך המעת לעת כי אם לערך בין שעה וחצי לשעתיים בשעות של לפנות בוקר. כי חלק גדול משעות הלילה היה ער, ומסר שנתו לטובת כלל ישראל, אשר זה בעצמו היתה לו עבודה מפרכת לשעבד את זמנו לסבול את משא העם יומם ולילה, ביתו היה פתוח לרווחה ושימש תל תלפיות להמונים שצבאו על פתחו לפרוק את צרותיהם, בגודל אהבתו לכל יהודי לא הסתפק בנתינת ברכה עצה או עידוד בלבד, אלא נכנס בעובי הקורה וניסה בכל מיני השתדלויות להחיש ישועה, אם זה בסידור רופאים, שידוכים, השגת הלוואה, התרמת סכומים להכנסת כלה,

כי יסופר, כי בימי חורפו כמה שנים היה ניעור כל הלילה ועסק בתורה בעמידה וכו', וכמה פעמים אמר לי שכל זמן משך שינתו בלילה היה לערך שני שעות, ובאמצע היה ניעור כמה פעמים והלך בבית הילך והילך, והיה עוסק בתורה וכו'.

והרה"ק מקאמארנא זי"ע בספרו מגילת סתרים (חזיונות עמ' ט) כתב, והיה דרכי לישון שתי שעות במעת לעת, והשאר בתורה וגמרא ופוסקים זוהר, כתבי מרן, כתבי הרמ"ק, ע"כ. וכ"מ בספר בית היין, על הרה"ק מהר"א מדזיקוב, וחתנו הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטרובצא שלא ישן כי אם ג' שעות בכל לילה ולמד וכו'.

ובספר י"ג אורות לבית צאנז (עמ' מ) מביא שהרה"ק מגארליץ זצוק"ל אמר שמאביו הדברי חיים זי"ע למד שאפשר לחיות בלי שינה, ומהמגיד מטריסק למד שאפשר לחיות בלי אכילה, וכידוע לא ישן הדברי חיים יותר מכשעתיים במעת לעת, ופעם עקבו אנשי ביתו אחריו בימים הנוראים ועשו חשבון שמר"ח אלול עד הושענא רבה לא ישן יותר מכ"ו שעות [ועולה החשבון לכחצי שעה למעת לעת בממוצע].

וכתב בספר אוצר החיים (מנהגי הרה"ק מצאנז זי"ע אות כא), היה ישן בלילה ערך שני שעות ומחצה ויש גם פחות מזה. ופעם אחת שאל אחד את רבינו איך יוכל להיות בריא בגופו אם ישן כל כך מעט, השיב, השינה הוא כמו הלימוד, יש מי שצריך להתייגע על לימוד סימן אחד בחו"מ עם הש"ך ונושאי כלים שש שעות, ומי שיש לו מוח טוב יוכל ללמוד בעיון בשתי שעות בלבד, וכן אני יש לי ב"ה מוח טוב, ומה שאחרים ישנים בשש שעות יכול אני לישן בשתי שעות, אני יודע לישן מהר.

ופעם שאלו גדול אחד מה סגולה יש לו נגד השינה, כי הוא אינו יכול להתגבר על השינה, השיב אם כבודו יכול לישון מה טוב, מיך לאזט עס נישט שלאפין. וכ"כ עליו בספר עצי יער, וראיתי בעיני שכמעט גבר על שר של שינה ולא ישן במעת לעת יותר מב' שעות בשני פעמים.



צדקות ליתומים ולשבורי לב, פדיון שבויים וכדו', שעות קבלת קהל הסתיימו לקראת סוף הלילה, ורק לאחר מכן ניגש לעבודת קריאת שמע שעל המיטה. ובדרך כלל לא הלך לישון עד שהמשב"ק היה מוכרח להחביא את כל הספרים. וכך קיבל קהל כל לילה, זולת ימים אחדים בשנה בלילות שמר"ח אב עד תשעה באב.

גם מקצת השינה שכבר ישן היתה בדרך סיגוף, לא ישן כלל על מטה במשך כל השבוע, רק על קנאפע [קאוט"ש] צרה שלא היה יכול להסתובב בו מצד לצד, ורגליו היו מונחות על כסא שעמד ליד הקנאפע [וכעי"ז ראה במעיינות הלוי מספר ראשית חכמה על אחד הצדיקים]. ועשה גם פעולות שונות במשך השינה כדי שלא יהנה מהשינה, לא הניח מתחת ראשו שום כר, לא התכסה עצמו בשמיכה, רק פרס מגבת כדי להניח עליו את ראשו, והניח את ידיו תחת ראשו וישן.

לפעמים היה מורט את עור ידיו באמצע השינה בזרועו במקום הקיבורת, וכן היה חוזר חלילה אחרי שעבר כמה דקות, ונמשך כן במשך כל זמן השינה, כדי שלא יהנה מהשינה.

היו פעמים שגרע גם משנתו הקצרה, כמו בליל שב"ק או במוצש"ק (מחמת קבלת קהל) שלא הלך לישון על הקנאפע הנ"ל, וכן בשנים הראשונות לא נתן שינה לעיניו שלשה לילות רצופים ליל ששי ליל שב"ק וליל מוצש"ק, רק נשאר על כסאו והתנמנם עליו.

בזמנים שקיבל קהל עד לפנות בוקר, כמו במוצאי שבת או בימי הסליחות ולא נשאר לו זמן לישון מעט, אמר למשב"ק שיתנמנם על כסאו לנוח למשך כמה דקות, וביקש שיעוררוהו לאחר הזמן הקצוב, וכשעבר הזמן לא היה לו כח לקום, ביקשו שישפכו עליו מים קרים כדי שיוכל לקום, וכך קם מתוך מסירות נפש.

פעם אחת ציוה את המשב"ק שיקיצנו לאחר שעה, וכשנודע זאת לבנו הרה"צ רבי מרדכי ז"ל ציוה למשב"ק שלא יקיצנו כדי שישן קצת, ולאחר מכן היה נסער על המשב"ק היתכן שלא הקיצו מיד אחר שעת השינה כפי שביקש ממנו.

גם בהשכמה של שב"ק היה מקפיד, גם אם היה מסיים את עריכת שולחנו הטהור בליל שבת לערך בשעה ארבע לפנות בוקר, הרי בשעה שבע כבר ראוהו הולך עם מגבת על צווארו לאחר הטבילה במקוה.

תלמיד שלמד בישיבה בזמן הקיץ שנת תשל"ו סיפר שעקב אחרי רבינו עם עוד כמה בחורי חמד במשך השלשה ימים מעת לעת, והבחינו שלא ישן במשך כל זמן זה יותר משעה וחצי.

עם כל זה לעת זקנותו אמר פעם הדרכה לבחור צעיר לימים: שיראה לישון היטב בימי בחרותו לכל הפחות ששה או שמונה שעות. והתבטא בזה"ל, די שלאף בעט עס אפ נאכדעם, זאלסט זעהן צו שלאפן גוט, אין די יונגע יארן בין איך געשלאפן וויייניג, און היינט בעט מיר עס די שלאף אפ (השינה הוא גנב, הוא גובה אח"כ את מה שלקחו לו, תישן היטב בשנות הנעורים, אני לא ישנתי טוב בשנות הנעורים, ועכשיו אני משלם על זה).

והסביר המשב"ק הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל, שכוונתו היתה, דבזמן שהיה בכוחו היה רגיל לישון בכל יום לא יותר משעה וחצי, וכעת לעת זקנתו כבר צריך לישון ב' שעות, ועל זה דוה לבו..

באחד השיחים כשדיבר לאחר שבחן את תלמידי הישיבה בסוף הזמן כדרכו בקודש, אמר בזה הלשון: פארטאגס מוז מען אויפשטיין, איי מ'האט זיך געלייגט שפעט, און מ'איז מיד, מ'בארגט זיך פון די שלאף, איך בין שוין שולדיג שלאף יארן, (חייבים לקום לפנות בוקר, אם הלכו לישון מאוחר ועייפים, צריך ללוות מהשינה, אני כבר שנים יש לי חוב לשינה), ע"כ.

פעם אחת התבטא: זאת אתם רשאים ללמוד ממני, מה שאתם רואים, כי לפעמים אני ישן אף בעמידה, בתוך כדי הליכתי, כי התרגלתי שלא להתפעל מעייפות הגוף אשר היצר מפיל עלי (שיח"ק ח"ג עמ' נב).

גם עבודת אמירת כל ספר התהלים ותפילת שחרית שהיתה בלהט אש קודש, היתה בצורה זו שעמד כחייל מושבע ללחום מלחמת חרמה נגד עייפות הגוף ממיעוט שינה,מצבי קור או חום לא דיברו אליו, שיעבד את כל גופו ואיבריו ורצונותיו לשרת את יוצרו וקונו ולעבדו מתוך חדוה ושמחה עצומה.

כשהיה מסיים את כל ספר תהלים היה רגיל להתחיל שוב מתחילה לומר עוד כמה פרקים, כדי שלא ירגיש קורת רוח בנפשו הנה כבר גמרתי את כל התהלים.

גם בעניני רוחניות ראו אצלו ענין זה ללחום נגד הרצונות, לדוגמא פעם אחת אמר בנוגע למנהגו לומר כל ספר התהלים לפני התפילה בזה"ל: דאס לערנען איז דאך אזוי געשמאק ס'איז דא שיינע סברות וכו', משא"כ דאס זאגן תהלים איז דאך זייער שווער, ובפרט דאס שטיין ביי די גאנצע תהלים, אבער ווייל איך האב בעסער ליב צו לערנען, ווייס איך אז פון הימעל וויל מען אז מ'זאל זאגן תהלים, דאס איז מיין (כלומר, שזהו תיקון נפשו).

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו

## איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

**וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.**

## תפילין דר"ת ביי מרן רביה"ק זי"ע

לכבוד מערכת גליון "באור החיים". אינעם פארגאנגענעם גליון (פרשת בהעלותך) איז געווען געדרוקט אין דעם מדור "אהלי מלכים" די מנהגים פון רביה"ק ביי תפילין דר"ת. איך וויל וויסן לגבי די פסוקים פון "ראשך עליך ככרמל" און "מחכמתך וארשתיך" און "וראו כל עמי" אויב דער רבי האט דאס אויך געזאגט ביים לייגן די תפילין דר"ת.

און דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר דעם מדור, וואס איז הערליך געשריבן מיט פראקטישע פסקי הלכות וואס זענען נוגע מידי יום ביומו, דורך הרה"ג ר' יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן.

## א קבלה בשמירת הדיבור וקדושת העינים אין מקוה לזכות דעם הייליגן רבי'ן

לכבוד די חשוב'ע מערכת.

אין דעם גליון יו"ט שבועות איז געווען געדרוקט אינעם מדור "מאנ"ש לאנ"ש" א מורא'דיגע מעשה בענין שמירת עינים און שמירת הדיבור אין מקוה. איך שטעל מיר פאר אז עס האט אריינגעגעבן א חיזוק אין דעם ענין ביי אסאך אידן; איך וויל נאר זאגן אז ביי מיר פערזענליך האט עס איבערגעלאזט א געוואלדיגע השפעה בפועל. איך האב שוין אסאך מאל געמאכט קבלות אין דעם הינזיכט, אבער יעצט האלט איך עס אן מיט א שטארקייט שוין עטליכע וואכן, זינט איך האב עס אריינגעלייגט אין א "כלי" דורך אינזין האבן אין מקוה ביים זיך טובל'ן דעם הייליגן רבי'ן, "לזכות ולעילוי נשמת ועל דעת רביה"ק מרן משולם פייש בן רבי מרדכי הלוי וצירלד". דאס גיט מיר דעם כח און דעם חיזוק נישט נתרשל צו ווערן אפילו איין טאג, כדי צו זוכה זיין צו די ברכות וואס דער רבי האט געוואונטשן דערויף.

און ווי דער רבי פלעגט אסאך מאל נאכזאגן, אז ווען מען איז מהנה א צדיק אויבן אין הימל – וואס קען דאך שוין נישט טוהן קיין פרישע מצות און מעשים טובים – און מען טוט עפעס לזכותו ולזכר נשמתו, איז עס אים א געוואלדיגע הנאה. און וויבאלד דער צדיק וויל צוריקצאלן כדי עס זאל נישט זיין קיין 'נהמא דכסיפא', איז ער משפיע משמי מרום צוריק פאר דעם מענטש.

איז אוודאי און אוודאי ווען מ'טובל'ט זיך אין מקוה לעילוי נשמתו, און אין די זעלבע צייט מאכט מען זיכער זיך צו האלטן צו דעם וואס דער רבי האט אונז געלערנט בנוגע שמירת הדיבור וקדושת העינים אין מקוה, איז ער זיכער משפיע צוריק כל מילי דמיטב, און ער האט אונז אויך אינזין.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די ברכות וואס דער רבי האט געוואונטשן פאר ר' חיים מענדל אין די מעשה, זאלן אויך מקוים ווערן ביי אונז אלע וואס טוען דאס זעלבע. אז מ'נעמט זיך ארום מיט א קבלה טובה ווי דער רבי האט געבעטן, און מ'שטייט טאקע אין די תנאים, וועט זיין א ישועה קרובה לבוא, און מ'וועט האבן אריכות ימים ושנים טובים, מיט בני חיי ומזוני רויחי, פרנסה בריווח מיט אסאך סייעתא דשמיא. און ווי דער רבי האט אים געזאגט: "כל זמן דו וועסט מקיים זיין דעם תנאי, וועל איך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויך שטיין אין דעם וואס איך האב יעצט ארויסגעזאגט, מיט אן אחריות אז די ברכות וועלן נתקיים ווערן".

אחד מקוראי הגליון פה ניו יארק

## 'אגרת הרמב"ן' און 'חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם' ביום נסיעה כ"ג כסלו העעל"ט

שטייענדיג אין די ימי ההילולא קדישא פונעם הייליגן שרף, מרן משולם פייש ב"ר מרדכי הלוי וזעלדא זי"ע, וואס געפאלט דעם קומענדיגן שבת כ"ח סיון הבעל"ט, וויל איך איבערגעבן עטליכע קרישקעלעך וואס איך האב מיטגעהאלטן ביי די נסיעה לעיר האבות טאהש אונגארן דעם פארלאפענעם כ"ג כסלו העעל"ט, לרגל די הילולא קדישא של רבינו הסב"ק מרן אלימלך ב"ר משולם פייש זי"ע. עס איז געווען א באשיידענע נסיעה פון א גרופע תושבי קריתינו הק', וואס צווישן זיי האבן באשיינט הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א און הרה"ג ר' יוסף יששכר בער טירנויער שליט"א, מנהל ישיבה קטנה אוה"ח.

עטליכע טעג פארן זיך ארויסלאזן צום נסיעה זענען מיר, א קבוצה אינגעלייט, אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א זיך גוזעגענען, און דער רבי האט אונז איבערגעגעבן זייער א ווארימע שמועס אלס הכנה צום נסיעה. באזונדער האבן מיר געהאט א שאלה לכתחילה ווען עס איז די ריכטיגע צייט ארויפצוגיין צום ציון הקדוש פונעם בעל הילולא אויסצוזאגן תהלים, צי זאל מען גלייך ביים אנקומען קיין טאהש פרייטאג אינדערפרי ארויפגיין צום ציון נאך פארן דאווענען, אדער זאל מען זיך קודם אראפלייגן אביסל אפרוהן, דערנאך דאווענען, און ערשט נאכדעם ארויפגיין צום ציון, אדער גאר גיין מוצאי שבת. למעשה האט אונז דער רבי געהייסן אז מיר זאלן גיין פרייטאג אינדערפרי, אבער זיך קודם שטעלן דאווענען, דערנאך טועם זיין עפעס, און ערשט נאכדעם ארויפגיין צום ציון.

דער רבי האט אונז אביסל דערציילט איבער זיין גרויסן השתוקקות צו פארן צום זיידן, און באמת וואלט ער אליין אויך זייער שטארק געוואלט פארן, אבער וואס זאל ער טוהן אז ער קען נישט איבערלאזן די בחורים, תלמידי הישיבה. (אגב האט דער רבי זיך אויך אויסגעדרוקט, אז אפילו קיין פארט-לאדערדעיל לטובת המוסדות האט ער נאך א ספק צי ער וועט קענען פארן, כדי נישט איבערצולאזן די תלמידים) דער רבי האט דאן אויך געבעטן אז איינער פון אונז זאל איבערנעמען פון אים א קוויטל צום בעל הילולא, דער סבא קדישא זי"ע, אזוי זענען מיר שוין אויך געווען שלוחי של אדם כמותו.

זייענדיג שוין אין קאר, ממש אויפן וועג צום פליגער, האט דער משב"ק הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארץ הי"ו אריינגערופן איינעם פון אונז און איבערגעגעבן אז דער רבי האט גזאגט, אז פאר די הצלחה פון די נסיעה זאל יעדער זאגן יעדן טאג – נאך בעפאר מ'הייבט אן דעם טאג – דעם "אגרת הרמב"ן". מיר האבן טאקע אזוי געטוהן, און ב"ה געהאט א הצלחה'דיגע נסיעה.

אזוי אויך ביים פארן און קומען אויף די אלע פליגער'ס אהין און צוריק, האבן מיר א גאנצן צייט גזאגט איינמאל און נאכאמאל דעם פסוק "חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם", וואס דער הייליגער רבי האט אנגעוויזן אלס א סגולה מ'זאל עס זאגן ביים פארן אויף א פליגער נישט צו דארפן זיצן נעבן א פרוי. און מיר האבן טאקע געזען בחוש ווי די סגולה האט געארבעט, ווען די וועגן זענען אדורך בשלום ובשמירה, בזכות דעם פסוק און בזכות דעם אגרת הרמב"ן.

מיר זענען געווען א קבוצה פון פינף אינגעלייט וואס זענען געפארן אינאיינעם אויפן פליגער. אויפן ערשטן פליגער פון מאנטריאל קיין דייטשלאנד האבן פיר פון די קבוצה מצליח געווען צו זיצן אויף איין רייע אינאיינעם; היות מיר זענען אנגעקומען גענוג צייטליך אין לופטפעלד, האט מען עס געקענט אזוי אויסשטעלן. דער פינפטער איז געזעצן איין רייע פאראויס; ער האט ארגינעל באקומען א זיץ ביים פענסטער, אבער עס וואלט אויסגעקומען אז ער דארף אדורכגיין א פרוי ביים אריין און ארויס, האט ער אויך מצליח געווען דאס צו טוישן ווען די פרוי האט גאר לכתחלה אליין געבעטן צו זיצן אינעווייניג ביים פענסטער און ער אינדרויסן, דער ערשטער אין די רייע.

ביים קאנעקטינג פלייט פון דייטשלאנד קיין ריישא, האבן מיר דעם פליגער לכתחילה פארפאסט און מען האט אונז ארויפגעלייגט אויף אן אנדערן פליגער. דארט האט מען שוין נישט געקענט אויסקלויבן קיין זיצן, און טראצדעם וואס לויט וויאזוי זיי האבן איבערגעגעבן איז די פליגער געווען א פולע פליגער, זענען בסייעתא דשמיא עטליכע פון די מיטרייזענדע נישט אנגעקומען, אזוי איז דער פליגער געווען גאנץ ליידיג, האבן מיר אלע געקענט זיצן וואו מיר האבן געוואלט אויף אן אפגעהיטענעם אופן.

אויפן וועג צוריק איז אויך געווען א קאנעקטינג פלייט וואס מען האט געדארפט נעמען פון בודאפעסט קיין דייטשלאנד און פון דארט קיין מאנטריאל. דארט איז שוין יא געווען א פול געפאקטע פליגער, און מ'האט אויך נישט געקענט אויסקלויבן קיין זיצן, און עס איז אויסגעקומען אז עטליכע פון אונזער קבוצה האבן באקומען א פלאץ נעבן א פרוי; און איינער גאר צווישן 2 פרויען. מ'האט זיך געבעטן צי מ'קען ארומטוישן די פלעצער, אבער זיי האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט, נישט די ארומיגע שכנים און אויך נישט די סטועורדעס, האט מען פארשטייט זיך גזאגט דעם פסוק נאכאמאל און נאכאמאל, ביז ממש ווען מ'איז שוין ארויסגעפארן אויפן ראנוועי, האט זיך בהשגחה פרטית איינע פון די סטועורדעס אריינגעמישט, און געזוכט אונז צו העלפן טוישענדיג עטליכע מענטשן אלעס לטובתינו, און געהאלפן מסדר זיין די פלעצער אז אלעס זאל שטימען. אפילו עס איז נישט געווען גרינג צוזאמצושלעפן עטליכע עקן פונעם פליגער אז מענטשן זאלן מסכים זיין צו טוישן זיצן, איז עס סוף כל סוף געלונגען בס"ד.

אויפן לעצטן פליגער איז אויך געווען די זעלבע פראבלעם, אז מ'האט זיך נישט געקענט אנגרייטן קיין זיץ פון פאראויס, און מ'האט זיך געטראפן אויף א געפאקטן פליגער. מיר האבן באקומען פלעצער אין אנדערע געגנטער, ווייט איינער פונעם צווייטן, און איינער פון אונז האט אויך באקומען א פלאץ ממש נעבן א פרוי. אבער ברוך השם, נאכן מתפלל זיין און זאגן דעם פסוק, האט מען בדרך לא דרך מצליח געווען ארומצוטוישן די פלעצער, אזוי אז אלע פון אונז זענען געזעסן צוזאמען ממש איינער נעבן דעם אנדערן.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מ'זאל קענען פארן און קומען געזונטערהייט בשמירה ברכה והצלחה, און פועלן אלעס גוטס בזכות די בעלי הילולא, רבותינו הקדושים שרפי מעלה.

איינער פון די באטייליגטע ביי דער נסיעה

## דינסטאג פר' בהעלותך

פארנאכטס איז רבינו שליט"א ערשינען צום קבלת פנים פון החתן שלמה זלמן הערשקאוויטש נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן מוה"ר אליעזר הערש הי"ו, עב"ג הכלה בת מוה"ר אליעזר זוסיא סג"ל קרויס הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל טאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## מיטוואך פר' בהעלותך

אין די נאכמיטאג שעות איז דער רבי אנגעקומען אין ניו יארק אויף א באזוך לחזק ולבסס מוסדותינו הק'.

דער רבי איז צוגעפארן קיין בארא פארק און מנחם אבל געווען ביי אדמו"ר ראחמסטריווקא שליט"א היושבים על פטירת אמם הרבנית הצדקית ע"ה.

שפעטער האט דער רבי מפאר געווען ביים קבלת פנים פון הכלה נכדת רביה"ק זי"ע, בת הרה"צ רבי יחזקאל שרגא סג"ל שליט"א, אין די זאלן פון תפארת מרדכי. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה.

רבינו שליט"א איז מכובד געווארן מיט סידור קידושין, און מכבד געווען דער זיידע הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער שליט"א, דער רבי האט געזאגט די ערשטע 6 ברכות. נאכן חופה האט דער רבי אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר הרבנית הצדיקת תליט"א, אלמנת הרה"צ רבי מרדכי סג"ל זצ"ל.

דערנאך האט דער רבי באזוכט אינעם תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט, דער רבי האט זיך אומגעקוקט אין די קלאסן מיט גרויס הנאה. דערנאך איז פארגעקומען א אסיפה מיט די הנהלה רוחניות און מנהלי הת"ת.

שפעטער האט דער רבי געדאווענט תפילת מנחה ומעריב בבית מדרשינו, פארן עמוד האט געדאווענט מנחה מו"ה יודא אמסעל הי"ו, מעריב מוה"ר יוסף אלימלך מאירוביץ הי"ו מנכ"ל התלמוד תורה.

נאך מעריב איז דער רבי צוריק צו די חתונה, און מפאר געווען בראש המסובים א לענגערע צייט. באזונדער האט דער רבי מכיר טוב געווען און אויפגענומען העסקן החשוב מוה"ר משה מארגערעטן הי"ו יו"ר המפעל 'צדק' ואתו עמו העסקנים החשובים הע"י, וועלכע האבן בשליחות הקודש פון רבינו שליט"א שטארק גע'שתדל'ט ביי די הויעכע רעגירונגס באאמטע און ארויס געהאלפן אז דער חתן זאל קענען אריינגעקומען אין לאנד צו די חתונה, און דער רבי האט זיי אנגעוואונטשן ווארימע ברכות.

דערנאך האט דער רבי געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן, און באזונדער האט דער רבי געטאנצן מיטן מחותן הרה"צ רבי יחזקאל שרגא סג"ל שליט"א, וינועו אמות הסיפים.

## דאנערשטאג פר' בהעלותך

פארן דאווענען האט דער רבי געלייגט תפלין פאר הבחור הבר מצוה יוסף נ"י בן מוה"ר מנחם נחום סג"ל שווארץ הי"ו און פאר הבחור הבר מצוה משה נ"י בן מוה"ר משולם פייש פעלבערבוים הי"ו. דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די בר מצוה בחורים און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

שחרית האט געדאווענט פארן עמוד מוה"ר ישראל זאב סג"ל שווארץ הי"ו, די עליות האבן עולה געווען כהן הרה"ח

ר׳ חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי״ו, לוי הב׳ הבר מצוה יוסף סג״ל שווארץ ני״ו, שלישי הב׳ הבר מצוה משה פעלבערבוים ני״ו, הגבה מוה״ר ראובן מנחם שווארץ הי״ו משב״ק, גלילה מוה״ר משולם פייש פעלבערבוים הי״ו.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען אין קרית יואל, צו די שמחת הברית מילה בבית מוה״ר חיים ישראל ברוך גוטמאן הי״ו בן הרה״ח ר׳ שמואל דוד הי״ו. דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות וברכות וקריאת השם, נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן און זיידע׳ס ובני משפחה, דער רבי האט געמאכט א לחיים, אנגעוואונטשן פארן ציבור ברכות לרוב.

דערנאך האט דער רבי געדאווענט מנחה, פארן עמוד האט געדאווענט מו״ה יואל טייטלבוים הי״ו.

שפעטער איז דער רבי געפארן קיין מאנסי וואו דער רבי איז אנטפאנגען געווארן דורך הנהלת רבי מאיר בעל הנס כולל שומרי החומות בראשות המנהל הרב ר׳ שלמה מיכאל מאיער שליט״א. דער רבי האט געקלאפט א מזוזה אין די נייע אפיסעס פון כולל שומרי החומות.

צו האלטן די מזוזה איז מכובד געווארן הרבני הנגיד ר׳ אלכסנדר גאלבערגער שליט״א פון וומסב״ג. עס האבן זיך אנגעזעהן הרה״ג אב״ד נאפקער שליט״א, הרה״ג רבי איתמר ראטענבערג שליט״א מ׳סאלקא, און הרה״ג רבי יוסף הערש ליבערמאן שליט״א מ׳בעסערמין.

דער רבי האט זיך באגריסט מיט הרה״ח ר׳ יו״ט יודא ווייסמאנדל הי״ו חבר ועד הפועל דכולל שומרי החומות און ארומגערעדט איבער זיין שווער ממשפחת ווייל שיחי׳ פון מאנטריאל, און איבער זייער נאנטקייט צו רביה״ק זי״ע.

נאכן קובע זיין די מזוזה איז פארעקומען א מסיבת לחיים. דער רבי האט געזאגט דברי ברכה, און אריין געלייגט צדקה בקופת רבי מאיר בעל הנס, דער רבי האט דערציילט אז זיין זיידע הרה״ק רבי יודא׳לע וויינגארטען זי״ע האט געוואוינט און די אונגארישע הייזער שע״י כולל שומרי החומות, ווי אויך רביה״ק זי״ע איז געווען אינעם כולל שומרי החומות.

נאכן ערהאלטן א מתנה פונעם מנהל הכולל, א אנטיק לענדערנע באנד פון ספר אור החיים הקדוש זי״ע, האט דער רבי געזאגט אז ס׳גייט דאך זיין די יומא דהילולא אין עטליכע וואכן ט״ו תמוז, און דער רבי האט פארציילט די השתלשלות פארוואס רביה״ק זי״ע האט גערופן די ישיבה אין טאהש ׳ישיבת אור החיים׳.

◆

דער רבי איז צוגעפארן צו די נייע הויז פון הרבני הנגיד ר׳ יודא לייב לעפלער הי״ו וואו דער רבי האט געקלאפט א מזוזה, און דערנאך אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

דערנאך איז דער רבי אנגעקומען אויף ניחום אבלים ביי כ״ק אדמו״ר מ׳סקווירא שליט״א, ווי עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, און דער רבי האט מנחם געווען און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

ביים זמן מעריב האט דער רבי געדאווענט תפילת מעריב בבית מדרשינו מאנסי. פארן עמוד האט געדאווענט הגה״צ אב״ד קהלתינו הק׳ מאנסי שליט״א.

שפעטער איז דער רבי אנגעקומען צום שמחת התנאים פון בת כ״ק אדמו״ר מ׳ליזענסק שליט״א נכד רביה״ק זי״ע, וואו דער רבי איז מכובד געווארן מיט קריאת התנאים. דערנאך האט דער רבי געמאכט א לחיים אוןווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן ליזענסק׳ע רבי שליט״א און פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

## עש״ק פר׳ בהעלותך

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט תפילת שחרית מיט די בחורים בהיכל ״ישיבה גדולה תורת משולם פייש״ ניו יארק. פארן עמוד האט געדאווענט הב׳ שמחה אלעזר ב״ר איתמר טייטלבוים ני״ו.

נאכן דאווענען האט דער מנהל הרה״ג ר׳ מענדל וואלף האלצער שליט״א אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער בקבלת פני רבינו שליט״א, איבערגעבנדיג א גריס פארן רבי׳ן ווי די בחורים האבן אריינגעהארעוועט בתורה ובעבודה ובקבלות טובות די לעצטערע וואכן צו מאכן א פאסיגע הכנה צום דערהויבענעם שבת קודש.

דערנאך האט מען פארקויפט די זכותים וכיבודים במשכ׳ן שבת קודש פאר לימוד התורה בשעות רצופות וועלכע די בחורים וועלן אויסנוצן בהתמדה רבה במשך די קומענדיגע וואכן ביז ט״ו תמוז יומדהל״ק של רבינו האור החיים הק׳ זי״ע.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען בהיכל הישיבה מלובש מיט בגדי שבת, צום מעמד הכנה לשבת - והנחת אבן הפינה פארן נייעם בנין המפואר לישיבתינו הק׳ ״ישיבה גדולה תורת משולם פייש״, וואו הרב הגאון דומ״ץ קהלתינו ק״י שליט״א ור״מ בישי״ג האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער.

מ׳האט געזינגען ווארימע ניגונים, און מו״ה אלי׳ דוד טירנויער הי״ו האט געגראמט הערליכע חרוזים ספעציעל צום יעצטיגן דערהויבענעם מעמד.

דערנאך האט רבינו שליט״א משמיע געווען התרגשות׳דיגע

דברות קודש לכבוד המעמד.

דער רבי האט פארעזאגט תהלים קאפי' כ"ד - כ"ט, און דערנאך געזאגט אינאיינעם קאפיטל ל' - צ"א, דערנאך האט דער רבי אריינגעלייגט מטבעות קודש, און געגאסן די צעמענט אין די ספעציעלע ציגעל, וועלכע מען האט אריינגעלייגט אין די פודעמענט, צוזאמען מיט שטיקלעך ציגעל פונעם ארגינעלן בנין הישיבה אין קריתינו הקדושה, וואו מען בויעט ארויף דעם בנין האדיר והמפואר.

דער רבי האט מכבד געווען צו גיסן בניו הגה"צ שליט"א, הרה"ג רמ"י ומנהלי הישיבה שליט"א, הנגידים בעם, דערנאך זענען אלע בחורים אריבער און געהאט די געלעגנהייט אריינצולייגן מטבעות און גיסן צעמענט.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.

## שב"ק פר' בהעלותך

רבינו שליט"א האט געפראוועט גאר א דערהויבענע שבת מיוחד בלויז מיט תלמידי ישיבתינו הק' "ישיבה גדולה תורת משולם פייש" אין ניו יארק. מוצאי שב"ק איז פארעקומען א דערהויבענע סעודת מלוה מלכה ומעמד סיומי מסכתות פון עטליכע בחורי הישיבה, וואו דער רבי האט אויפגעטרעטן בדברות קודש.

פילע באריכט וועט בעז"ה נאכפאלגן קומענדיגע וואך אין "במקהלות".

## זונטאג פר' שלח

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט שחרית אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה. פארן עמוד האט געדאווענט הב' שמאל מאיר ב"ר ברוך אהרן משה לייפער ני"ו. נאכן דאווענען האט דער רבי פארמירט א שמועס במאור פנים מיט די בחורי הישיבה.

דערנאך האבן די בחורים ארויסבאגלייט דעם רבי'ן בשירה ובזמרה און דער רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר אלע תלמידים.

דער רבי איז אריבער צום שטח הבני' לבנין החדש דישיבתינו הק' און זיך אומגעקוקט מיט קענטיגע הנאה, און געזאגט עטליכע מזמורי תהלים להצלחה ולברכה.

◆

מיטאג צייט איז דער רבי אנגעקומען צום חומש סעודה אינעם תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט מאנסי (זעה פילע באריכט אין במקהלות קומענדיגע וואך בעז"ה).

דערנאך האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים מסיבה מיוחד לנגידים בעם, לטובת החזקת מוסדותינו הק' אין מאנסי, פארגעקומען אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' דניאל הלל פיליפסון הי"ו.

צווישן אנדערע האבן באשיינט די אויבן און הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א, הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א, אב"ד יאמפאלא שליט"א. דער רבי האט געמאכט א לחיים, און דער יושב ראש מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו האט געעפנט די מסיבה. שפעטער האט ער אויפגערופן הרה"ג ר' יצחק אברהם סג"ל יונגרייז שליט"א אויפצוטרעטן.

מען האט סערווירט א שיינע סעודה פאר אלע חשוב'ע תומכים, און יעדער תומך האט געהאט א געלעגנהייט אריינצוגיין אל הקודש פנימה און נעמען ברכת הקודש און חתמ'נען מיטן רבי'ן א שטר לטובת המוסדות.

די מסיבה איז ב"ה פאררייבער מיט גרויס הצלחה און חיזוק פאר די הנהלת המוסדות.

נאכן מסיבה האט זיך דער רבי עקסטער באדאנקט פארן בעל אכסניא ובני משפחתו, און געגעבן א הערליכע מתנה פאר מוה"ר דניאל הלל הי"ו.

◆

ביינאכט האט דער רבי געדאווענט תפילת מעריב בבית מדרשינו תפארת משולם אין וומסב"ג.

דער רבי איז ערשינען צו די שמחת החתונה פון בת מוה"ר שמואל מאיר קרויס הי"ו אין די זאלן פון אימפעריאל, בן הרה"ח ר' דוד מנשה הי"ו חתן הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, און געטאנצן מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס, אזוי אויך האט דער רבי געטאנצן מיט החתן איידעם פון מוה"ר אלימלך בר"א קרויס הי"ו, און מיטן מחותן ר' אלימלך הי"ו, וועלכע האט חתונה געהאט פארגאנגענע וואך. אזוי אויך האט דער רבי געטאנצן א עקסטערע טאנץ מיט מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו, לרגל די הכנסת ספר תורה פארגאנגענע וואך לבית מדרשינו קר"י.

## מאנטאג פר' שלח

אנדערפרי האט דער רבי געדאווענט שחרית בבית מדרשינו תפארת משולם אין וומסב"ג, פארן עמוד האט געדאווענט הרה"ח ר' משה שמעון פעלבערבוים הי"ו.

ביים ליינען איז געווען בעל קורא הרב יעקב יחזקי' גרינבוים שליט"א, די עליות האבן עולה געווען כהן הב' ב"ר אביגדור וויינבערגער הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' משה אהרן גאנדל הי"ו, הגבה מו"ה שלום עקשטיין הי"ו, גלילה הרב אלכסנדר ליפא לאבין שליט"א.

דערנאך האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ויזכר חסדי אבות

הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש שיחיו אשר

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

יערוך בעזהשי"ת

## שלחן הטהור סעודת הילולא

לכבוד הילולת זקינו הקדוש איש האלוקים
רבינו השרף מרן משולם פייש סג"ל זיעועכי"א

**מוצש"ק פר' שלח כ"ח סיון הבעל"ט**

בשעה 12:15

**בהיכל בית המדרש הגדול**

### עלי' לציון

אמירת כל ספר תהלים ברוב עם הדרת מלך
אצל ציון המצוינת של רבינו הקדוש זי"ע

**ביום שישי ערב הילולא קדישא**

בשעה 7:45 בבוקר

לפעול ישועות למען הכלל והפרט

ויה"ר שזכות רבינו השרף בעל הילולא יגן עלינו ועל כל ישראל להוושע בדבר ישועה ורחמים ונזכה להתחמם לאורם הבהיר של רבותיה"ק זיעועכי"א בראשות נכדם ממלא מקומם כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו בבריות גופא ובא לציון גואל ומלכינו בראשינו בב"א.

בברכת פועל'ט אויס אלעס גוט'ס

**הנהלת הקהלה**


בסייעתא דשמיא

# מצמיח ישועות

ישועות דורך די תהלים
זאגען פון די תלמוד
תורה קינדערלעך
יעדע ערב ראש חודש
אצל ציון הקדוש של
רביהקוה"ט זצוק"ל

#2

## געטראפן א שטוינענד ביליגע דיעל

א 'קאר-דילער' דערציילט זיין אייגנארטיגע געשיכטע:

איך בין שוין ב"ה א קאר-דילער פאר אסאך יארן, טוענדיג אלע סארטן קאר-דיעלס, ווי סעילס, פיינענס, ליעסינג, אא"וו.

א שטיק צייט צוריק האט מיר א יונגערמאן גערופן אז ער וויל פארקויפן זיין אלטע קאר, און מאכן א ליעס פאר א נייע געוויסע סארט קאר, אבער נאר אויב עס איז דא צו באקומען פאר א גאר ביליגע פרייז.

נאכ'ן אפשאצן דעם צושטאנד פון זיין אלטן קאר, האב איך געזען אז עס איז דא שטארקע פאטענציאל צו מאכן א שיינע סומע ריווח פון די קאר. גלייך האט מען זיך געוומען זוכן א פאסיגן דיעל פאר דעם יונגערמאן, כדי איך זאל קענען באקומען זיין אלטע קאר וואס שנעלער און מאכן גרויס געלט דערפון.

אבער צו מיין ערשטוינונג האב איך נישט געקענט טרעפן קיין גוטע דיעל פאר אים. נאכ'ן נישטערן אלע סארטן סופלייערס און קאנטאקטס, האב איך נישט געקענט טרעפן עפעס פאסיג.

עס איז געווען איין מיטוואך אינמיטן טאג ווען איך האב געשפירט אז איך האלט ביים הייבן די הענט. מיטאמאל איז מיר אויפגעקומען אין געדאנק די סגולה'דיגע 'פועל ישועות'. איך האב גלייך אריינגערופן און געגעבן א שיינע נדבה. אויסער דעם האב איך זיך אונטערגענומען זיך אויפצוסיינען מיט א חודש'ליכע נדבה, אויב וועל איך געהאלפן מיט א גאנצע ישועה.

דאס איז געווען מיטוואך א טאג פאר ערב ר"ח סיון מוקדם, ווען די קינדער גייען ארויף צום רבי'נס ציון מתפלל צו זיין פאר די נדבנים.

געציילטע שעות נאך די תפילות תשב"ר, דאנערשטאג שפעט נאכמיטאג, בעצם יום ער"ח, האב איך ערהאלטן א טעלעפאן קאל פון איינער פון מיינע דילערס, און זאגט מיר אז ער האט פאר מיר געפונען די קאר וואס איך זוך, פאר א שפאט-ביליגע פרייז פונקט ווי דער קליענט האט פארלאנגט.

מיט גרויס התרגשות האב איך תיכף אריינגערופן צו 'פועל ישועות' און זיך אויפגעסיינט מיט א חודש'ליכע נדבה לטובת די הייליגע מוסדות.

אידן פארציילן אפענע ישועות. מיטן נעמען א שותפות אין פועל ישועות קענט איר אויך פארציילן אייערס!

**שליסט אייך אן!**

האנדלט זיך איין דעם
אומשאצבארע זכות און שטיצט
דעם רבינ'ס הייליגע ירושה

**845.402.TOSH**
8674

TOSH16BH@GMAIL.COM

$100 לחודש — וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון, און אויך וועט איר האבן א נר תמיד ביים ציון הק' דורכאויס דעם גאנצן יאר

$54 לחודש — וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

$36 לחודש — וועלן די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון

פועל ישועות


בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת קרח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שלח | דף קיא. | דף קז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף קיא: | דף קח. | דף טו: | דף יב. |
| מאנטאג | דף קיב. | דף קח: | דף טז. | דף יב: |
| דינסטאג | דף קיב: | דף קט. | דף טז: | דף יג. |
| מיטוואך | דף קיג. | דף קט: | דף יז. | דף יג: |
| דאנערשטאג | דף קיג: | דף קי. | דף יז: | דף יד. |
| עש"ק | דף קיד. | דף קי: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' דברים
חבורת ז' עמודים - קט. - סוף המסכת
חבורת ה' עמודים - יג. - כב:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו


# קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

**פרנס**

השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

נתנדב על ידי
מוה"ר **יואל** בר"ש **קרויס** הי"ו
(קרית יואל)

לרגל שמחת
**נישואי בנו החתן משה נ"י**
למזל טוב

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י
# איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

גליון באור החיים | להתאחד בחורי אנ"ש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד